שושנה טאובע

# די אומפארגעסלעכע



## שושנה טאובע

# די אומפארגעסלעכע

(פארצייכנונגען)

אידיש: הערמאן טאובע

ארויסגעגעבן פון שושנה טאובע בוך קאָמיטעט
באלטימאר מד. 1948

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2024

SUSANNE TAUBE

# DIE UMFARGESLECHE
## (The Unforgotten)

Translation: HERMAN TAUBE

Copyright 1948
By
SUSANNE TAUBE

Published by S. Taube Book Committee

Photowork: Photocraft Studio, Baltimore

Printed in the U. S. A.
The Romm Press, Baltimore, Md.
1948

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2024

# די אומפארגעסלעכע

# אינהאלט

זייט

פאָרוואָרט — — — — — — — — — — —
צוויי — — — — — — — — — — — — 13
סאשקע'ס ווידוי — — — — — — — — — 51
דער וועג אויף צוריק — — — — — — — — 63
שטורם־נאכט — — — — — — — — — — 85
א קינד ווערט געבוירן — — — — — — — 111
אסתר — — — — — — — — — — — — 125

א דאנק צו מיינע פריינט

העגרי און דזשעסי טוירק, דר. און מרס. יצחק פיין און צו אלע וואס האבן דער־מעגלעכט דאס דערשיינען פון מיין בוך.

ש. ט.

# פאָרוואָרט

די פאַרצייכנונגען אין דעם ביכל ענטהאַלטן מאַטעריאַל וואָס איז פון היסטאָרישן שטאַנדפּונקט וויכטיק.

דאָס זיינען ניט סתם „מעשיות", דאָס זיינען איבערלעבונגען פון דער שרייבערין און אויך פון דעם איבערזעצער, וועלכע האָבן אַליין דורכגעמאַכט דעם נאַצישן גהינום.

די שרייבערין פון דעם ביכל, שושנה טאובע, איז נאָך גאָר אַ יונגע פרוי אין די צוואַנציקער. זי איז געבוירן געוואָרן און געלעבט אין דייטשלאַנד. ביז זיבן יאָר האָט זי געהאַט אַ דורכשניטלעכן נאָרמאַלן לעבן, ביז היטלער איז געקומען צו דער מאַכט.

פון דאַן אָן האָט זי דערפילט דעם שווערן גורל פון אַ אידישער טאָכטער און געדאַרפט לעבן אין אַ סביבה פון ראַסן־האַס, דיסקרימינאַציע און דערנידערונג. איר לעבנס־פרילינג איז געווען פאַרבונדן מיט טרויעריקע איבערלעבונגען. רדיפות, פּאָגראָמען, פאַרטרייבונג פון איר היים־שטעטל, וואָגלענישן, אַרעסטן, שטענדיקע מורא פאַר דער „געסטאַפּאָ", און דאַן — געטאָ, קאָנצענטראַציע לאַגערן . . .

נאָך דעם ווי זי איז באַפרייט געוואָרן פון קאָנצענטראַציע לאַגער האָט זי גענומען פאַרצייכענען אירע איבערלעבונגען אין אַ טאָג־בוך.

אין אפריל, 1947, זיינען שושנה און הערמאן אָנגעקומען קיין אמעריקע. צייטונגס־לייט האבן זיי גענומען אויספרעגן און אויסגעפונען אז שושנה האט ביי זיך פארצייכנטע עפיזאדן פון אירע אי־בערלעבונגען, געשריבן אין דייטש.

מען האט געבעטן פרוי טאובע אפצודרוקן דעם מאטעריאל אין צייטונגען. די מערסטע דער־ציילונגן זיינער דערשינען אין „פאָרווערטס", אי־בערזעצט אין אידיש פון איר מאן, הערמאן טאובע.

א גרופע באלטימארער קולטורעלע און גע־זעלשאפטלעכע טוער האבן זיך פאראינטערעסירט מיט די דערציילונגען און זיינען געקומען צום בא־שלוס אז עס איז וויכטיק זיי זאלן דערשיינען אין א בוך־פאָרם.

דאס בוך איז א ווערטפולע ביישטייערונג צו דער ליטעראטור וועגן דעם לעבן און קאמף פון דער אידישער יוגנט אין דער לעצטער וועלט־מלחמה.

הערמאן טאובע האט, ווי שוין אויבן בא־מערקט, איבערזעצט שושנה'ס ארבעט פון דייטש אויף אידיש. זי האט פארצייכנט די פאקטן און געמאָלן די בילדער, ער האט אין זיי אריינגעגאָסן א אידישע נשמה. עס האט זיך אים זייער גוט איינגעגעבן.

זאלן די פארצייכנונגען זיין א צושטייער צו אונזער פאָלק'ס מצבה, אן אנדענק נאך די אומ־פארגעסלעכע.

ה ע נ ר י  ט ו י ר ק

באלטימאר, מד., אפריל, 1948.



שושנה טאובע

מיינע יונג־אומגעקומענע

מאמע און שוועסטערל

געווידמעט

„הפקר הפקר, אַלץ איז הפקר,
ווי ס'איז הפקר אונזער בלוט!
א כפרה הונדערט וועלטן
פאר איין שעה פון דרייסט און מוט!

חיים נחמן ביאליק




(א לאדזשער און א ווארשעווער)

„באדעקט דעם קאָפּ מיט אַש כהנים פונס וואָרט,
שטייט באָרוועס און פארשעמט פאר יענעם גרויסן
שטאַרבן,
וואס האט געגעבן אייך דעם כח צו לעבן ווייטער
וואס האט געגעבן אייך די זכיה זיי צו ארבן".

—רחל ה. קאָרן.

# צוויי...

דעם 9טן מערץ, 1945, בין איך באפרייט געווארן פון קאָנצענטראציע־לאַגער שטוטהאף־סאפיענוואַלדע. איך האב אויפגעהערט צו זיין „קאַצעט־פליכטלינג נומער 61856" און צוריק־באקומען מיין מענטשלעכן „איך", מיין אייגע־נעם ווילן און געדאנק.

מיין ערשטער פארלאנג איז געווען — אָפּזוכן מיין מוטער און מיין שוועסטערל. לויט די גרוסן וואס איך האב דערהאלטן, האבן זיי זיך געזאלט געפינען אין טאָרן (טאָרון), פוילן.

מיט א דערלויבניש פון דער רוסישער קאָ־מענדאנטור האב איך זיך געלאזט אין יענער ריכטונג. איך האב אבער אין וועג זיך דער־וואוסט, אז מיין מוטער איז אומגעקומען אין לאַגער און מיין שוועסטערל מיט נאך פיל פרויען איז פארשלעפּט געווארן צום פארגאזן אין טראנספּאָרט פון ריגער געטא. די שרעק־לעכע ידיעה האט מיך ממש דערשלאָגן.

וואוהין גייט מען איצט?

מיין היימשטעטל פּאכא, אין טירינגען,

דייטשלאנד, איז נאך ניט פריי. מיין מאַן? ווער ווייסט צו ער לעבט? אויב ער לעבט—וואו זאל איך אים זוכן? . . .

אין דעם פארצווייפעלטן צושטאַנד, אַנגע־טאָן נאך אין די „שטראַפלינגס־קליידער", א הונגעריקע, אָן איבערגעפרוירענע, בין איך גע־זעסן אין באַנהויף שניידערמיל (פילא) און גע־וואַרט אויף א געלעגנהייט צו קענען פאָרן ווייטער.

דער באנהויף איז געווען טיילווייז צעשע־דיקט פון באָמבן־אנגריפן און ארטילעריע. די איינציקע צימערלעך וואס זענען גאנץ געבליבן זענען געווען פארנומען און איבערגעפילט פון רוסישע און פוילישע סאלדאטן.

האב איך מיר אויסגעזוכט א טרוקן ווינ־קעלע צווישן די חורבות פון די ארומיקע הייזער, צונויפגעקאָרטשעט זיך און איינגע־שלאָפן.

פיל איך אין שלאָף ווי ס'רעגנט, ווי דאס העמד נעמט זיך מיר קלעפן צום רוקן, וויל איך זיך אויפהויבן, אוועקגיין פון דעם אָרט און געפינען אן אנדערן פלאַץ, א טרוקענעם, קען

איך ניט . . . די פיס זענען שוואַך, ווילן זיך ניט רירן . . .

שטרענג איך אָן מיינע לעצטע כחות, שטיי אויף פון די נאַסע, קאַלטע שטיינער, שטעל עטלעכע שפּאַן פאָראויס, און—כ'פאַל . . .

פיל איך ווי סאלדאטן לויפן זיך צוזאמען, ריידן, שרייען, רוישן אויף א פרעמדער שפּראַך. מען הויבט מיך, און מען טראָגט מיך אריין אין א צימערל. מען גיסט מיר וואַלעריאַן־טראָפּן אין וואסער אין מויל אריין, מען רייבט מיר דעם שטערן, מען פרעגט מיך עפּעס, וואס? פארשטיי איך ניט. איך אליין וויל פרעגן:—וואס האט דאָ פּאַסירט? נאָר כ'קען ניט . . . קומט אריין א הויכער מאן, מיט באָרדאָ־עפּאָלעטן אויף דער אָפיצירן יוניפאָרם, מיט אָרדנס אויף דער ברוסט, קוקט מיר אין די אויגן, הערט מיין פּולס און הייסט אלעמען פארלאָזן דאס צימער.

—קטאָ טי יעסטעש?

איך פארשטיי ניט קיין וואָרט.

דער אפיציר בויגט זיך אָן נאָענט צו מיר.

איך פיל זיין הייסן אָטעם איבער מיין אויער.

—ווער ביסטו?

איך מיין אז ס'איז א חלום, א זיסער טרוים. איך הער א אידיש וואָרט . . . איך עפן מיינע

אויגן און קוק זיך אריין אין דעם אָפיציר'ס פנים. איך האב מער אויסגעשריגן ווי גע־פרעגט:

—א איד?!

—יא, און דו?—

—אויך . . . וואו בין איך?

—דו ביסט אין א סאַניטאר־באטאליאן, וואס נעכטיקט צופעליק אין שניידערמיל. וואס טוסטו דאָ? ווי קומסטו אהער?

איך האב אים דערציילט מיין קורצע געשיכטע.

—איך פאַר אין דער ריכטונג פון שטעטין, ווילסטו מיטפאָרן?

—יא.

דער אידישער אפיציר איז געווען דער קאמאנדיר פון דעם סאניטאר־באטאליאן. ער האט מיך צוגענומען אלס סאניטאר־שוועסטער און איך בין מיטגעפאָרן מיט זייער אפטיילונג.

מען האט מיך אָנגעטאן א מיליטערישן שינעל, א ווארעם וואַטע־היטל, א פאַר גרויסע רוסישע שטיוול, אָנגעהאנגן מיר א גרויסע

שווערע טאָרבע מיט א רויטן־קרייץ, אָנגעפּילט מיט וואַטע, יאָד, זאַלבן, שערן, און—איך בין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א ריכטיקער סאַני־טאַר־שוועסטער.

אויפן וועג זענען אָפט פאָרגעקומען צוזאַ־מענשטויסן מיט נאָך ניט צעשלאָגענע גרופּן דייטשע סאָלדאַטן און וולאַסאָווישע באַנדעס. מיר האָבן זיך געמוזט אָלעמאָל אָפּשטעלן אין די פאַרלאָזטע דערפער אויף עטלעכע טעג, פאַרנעמענדיק זיך מיט וואַשן אונדזערע וועש, ברענגען אין אָרדנונג אונדזער אַמבולאַנס און צוגרייטן שפּייז.

אזוי זענען מיר אין א גרויען, רעגנדיקן פרימאָרגן אָנגעקומען קיין דייטש־קראָנע, א שטעטל אין פּאָמערן ניט ווייט פון דער אַמאָ־ליקער פּוילישער גרענעץ.

אזוי לאַנג ווי אונדזערע סאָלדאַטן האָבן צו־געגרייט הייזער פאַר אונדזער „סאַנבאַט", בין איך, דער קאַפּיטאַן און א סאָלדאַט—א לאָדזשער אידישער בחור, דערווייל אַוועק אָנקוקן דאָס שטעטל.

די פענסטער־לעכער פון די חרוב'ע הייזער

האבן אויסגעזען ווי אויסגעברענטע אויגן.

—אזוי זעט אויס סטאַלינגראַד, סמאָלענסק און וואַרשע—באמערקט דער קאַפּיטאַן.

—אזוי, — דערציילט דער „לאַדזשער“, — זעט אויס די לאַדזשער געטאָ. געבענטשט זאלן זיין די הענט פון די, וואס האבן אזוי פּינקטלעך געטראָפן אין די נעסטן וואו עס זענען געבוירן געווארן און געלעבט די מערדער אונדזערע . . .

אין און ארום די הייזער ליגן נבלות פון קי, בייכיקע דייטשן, הינט, בעבעכעס, פלעשער מיט ניט־דערטרונקענעם וויין, גלעזער מיט איינגעמאכץ און שמאַלץ. א רוסישער וויים־געניקלטער סאַמאָוואַר, זעט אויס, א טראָפּיי פון 1941 . . .

מיר רירן גאָרניט אָן. מיר פילן צו דעם אלעמען דעם זעלביקן עקל, ווי צום טויטן באלעבאָס און זיין בולדאָג, וואס ליגן ביידע, שוין שטינקענדיקע ביים הויז־שוועל.

מיר רירן גאָרניט אָן, ווייל ניט רויבן זיינען מיר אהער געקומען.

די גאסן זענען פול מיט מיסט און פעדערן.

דייטשן פירן די מיסט־וואָגענס, דייטשע פרויען רייניקן דעם טראָטואַר.



נאָך מיינע עטלעכע יאָר איבערלעבענישן אין קאָנצענטראַציע-לאַגער, נאָך אַזאַ לאַנגער צייט פון מאָראַלישע דערנידערונגען איז דאָס בילדל פאַר מיר—אַ סאַטיספאַקציע . . .

די דייטשקעס שטופּן דעם מיסטוואָגן, זיי שעלטן די וועלט צוזאַמען מיט'ן „פיורער" וועמעס בילד ליגט אין מיסט.

דער קאַפּיטאַן שמייכלט. ער רופט זיך אָן:

—די גערעכטיקייט איז אַ ראָד און די ראָד דרייט זיך!! . . .

דער לאדזשער אידישער זעלנער איז זייער א וואוילער יאָט.

איך וואָלט ניט געגלויבט, אז אזא שטילער אויסגעבלייכטער יונגערמאן זאל פארמאָגן אזוי פיל ענערגיע און קאמפס־לוסט.

ביי יעדן צוזאמענשטויס, ביי יעדער אב־לאַווע, איז ער דער ערשטער וואס שטעלט זיך פרייוויליק צום קאַמף. איך רעד וועגן אים מיטן קאַפּיטאַן, און ער דערקלערט מיר:

—דער מענטש איז פון דער נאַטור גוטמו־טיק, באזונדערס מיר אידן . . . דעם מענטשנ'ס נאַטור קען מען פארגלייכן מיט וואַסער. וואסער האט די אייגנשאַפט צו פליסן אין דער נידער. טוט מען אבער וואַסער אויפזידן—דאן קען עס אויפשפרינגען אין דער הויך, ווערט וואַסער גע־דאַמפּט און דורך רערן געלאָזט—קען עס אויפ־שטייגן אויף די העכסטע בערג. איז דאס אבער די נאטור פון וואַסער? ניין! א פרעמדע קראַפט ברענגט עס דערצו. מיטן מענטשן איז אויך דאס זעלביקע. ער קען געבראכט ווערן צו אזא צושטאנד, אז ער זאל זיין ווייט, זייער ווייט פון זיין גוטמוטיקער נאַטור.

דער „לאדזשער" האט מיר דערציילט זייער אינטערעסאנטע זאכן, וועגן וועלכע איך

האב ביז איצט ניט געוואוסט און ניט געהערט. ער האט מיר דערציילט וועגן אידישע גענע־ראלן, וועגן א אידישער בריגאדע אין דער ענג־לישער ארמיי, וועגן מיידאנעק, באבי־יאר, טרעבלינקע, לאדזשער געטא און וועגן הער האַנס ביבאוו, דעם „רייכ'ס פארטרעטער" און הענקער פון לאדזשער אידנטום.

דער האַנס ביבאוו איז דאס געווען דער יעניקער וואס האט אין דעם „לאדזשער" גע־מאכט „אויפזידן דאס וואַסער", האט פון דעם גוטמוטיקן, איידעלן יונגענמאן געמאכט א מענטשן וואס האט נאָר געטראכט וועגן איין זאך: נקמה, נקמה נעמען אן הער ביבאוו.

פערזענלעך קען ער אים ניט. זוכט ער אים איצט ארום אויף דער דייטשער ערד. אין יעדן באגעגנטן דייטש זעט ער זיין מערדעריש פּנים. יעדעם דייטשע דאָרף איז פאר אים—ביבאָוו'ס היים . . . פאר אלע דייטשן האט ער איין בא־גריסונג, איין שפּראָך:—האַס, און א צי ביים צינגל פון זיין מאשין ביקס . . .

טריבע טעג.
א רעגן טריפט אינדרויסן אָן אן אויפהער.
מיר זיצן אין א דאָרף ביי זלאַטאָוו. איך בין אויף וואַך־דינסט אין אמבולאנס.
די אינסטרומענטן זיינען אויסגעקאָכט און ליגן אין סטעריליזאטאר, מער קיין ארבעט האב איך ניט, זיץ איך און שרייב נאָטיצן.
דער קאפיטאן זיצט אויף זיין פעלד־בעטל, לייענט א פראָנט־צייטונג און רויכערט.
דער „לאַדזשער" קומט פון זיין פּאָסטן. זיין מאנטל איז דורכגעווייקט. ער ברומט:
—א פארשאָלטן לאַנד און א פארשאָל־טענע נאַטור, נאָר ס'גיסט . . .
דער קאפיטאן פרעגט אים: — אפשר ווילסטו זיך דערווארעמען מיט א טרונק?
—א דאנק קאפיטאן, איך טרינק ניט קיין בראנפן, טיי וואלט איך געטרונקען.
איך נעם צונויף מיינע בלעטלעך און שטעל אויפקאָכן טיי. דער קאפיטאן און איך האבן דעם „לאַדזשער" זייער ליב באקומען. זיין איינפאכקייט, זיין אויפריכטיקע און באשיי־דענע באנעמונג האבן אים זייער באליבט גע־געמאכט צווישן די סאלדאטן. זיין דרייסטקייט אין קאַמף, זיין שנעלע אריענטאציע און זיין

געשיקטקייט בעת אן אנפאל אדער צוזאמענ־
שטויס האבן ארויסגערופן דרך ארץ און באַ־
וואונדערונג בא זיינע קריסטלעכע חברים.

חוץ דעם האב איך זיך דערוואוסט אז ער שרייבט לידער.

—איך האב קיינמאל אין לעבן ניט גע־שריבן, נאָר לעצטנס האב איך דערפילט עפּעס אן אינערליכן דראַנג וואס טרייבט מיך צום שרייבען . . . — אזוי אנטשולדיקט ער זיך פאר זיין שרייבן און פארשעמט זיך דערביי ווי א יונג קינד.

דער קאפּיטאַן האט אוועקגעלייגט זיין צייטונג און זיך געווענדעט צום „לאדזשער":

—ביז די טיי וועט אויפקאָכן, דערצייל אונדז עפּעס פון דיין לעבן.

דער לאדזשער לאזט זיך ניט לאנג בעטן. ער טוט אוים זיינע דורכגענעצטע שטיוול, זעצט זיך ביים אויוועלע, צענעמט זיין מאשין־געווער—זיין „פּעפּעשא", ווישט אויס יעדן טייל און דערציילט:

—איך היים יעקב מאנדעלבוים, איך בין געבוירן געווארן אין לאדזש. דארט געלערנט

אין חדר, אין ישיבה, דערנאָך געווארן אן ארבע־
טער—א שטריקער. איך האב געארבעט, פאר־
דינט, זיך געלערנט אויף קורסן, געלייענט
ביכער, זיך באקאנט מיט דער אידישער און
וועלטלעכער ליטעראטור, פארבראכט אין געַ־
זעלשאפט און גענאָסן פון מיין יוגנט ביז 1939.

—ווען די דייטשן האבן פארנומען לאדזש
בין איך אוועק קיין ביאליסטאק, פון דאָרטן
קיין רוסלאנד. טאטע־מאמע און א שוועסטערל
זיינען געבליבן אין לאדזשער געטאָ. ביז 1941
האב איך געארבעט אין א קוילן־שאַכט אין
דאנבאס, דערנאָך בין איך אוועק קיין מיטל־
אזיע, צו די ברעגן פון דאריע. בייטאג האט
די זון געברענט, ביינאכט האט מאַלאַריע־
פיבער געטרייסלט, סקאָרפּיאנען געביסן, הענט
זיינען געשוואלן געווארן פון רייסן „כלאָפּאָק",
„דזשוגאַראַ" און רייז. שפּעטער — דינסט אין
דער סאָוויעטישער ארמיי—אויפן לענינגראדער
פראָנט. אויסצייכנונגען, פארוואונדעט, ווידער
פראָנט און דאן—דינסט אין דער פּוילישער
ארמיי. אלס פּוילישער סאלדאט האב איך אנ־
טייל גענומען אין די מאַרשן פון לובלין ביז
לאדזש. דאס אלץ האט מיך פארהארטעוועט,
געשטאַרקט. אָפּט האב איך געקוקט דעם טויט

אין די אויגן אריין, אבער די בענקשאַפט נאָך דער־היים, די ליבע צו טאַטע־מאַמע, צו מיין איינציק שוועסטערל, די האפנונג זיי אמאל נאך צו זען — דאס אלץ האט מיר געגעבן דעם כח אלע שוועריקייטן אריבערצוטראגן.

פינף יאר, ווי א פרומער איד אין דעם „אני מאמין“, האב איך געגלויבט און געהאָפט אז איך האב נאך א היים, אז איך האב נאָך מיין שוועסטערל, אז איך האב נאָך טאַטע־מאַמע . . .

—איך בין געווען איינער פון די סאלדאטן וואס האבן זיך פון די ערשטע אריינגעריכן און פארנומען מיין היימשטאט לאדזש.

—ווי נאָר איך האב מיך באפרייט אויף עטלעכע שעה פון דינסט, בין איך דאס ערשטע גלייך אוועק אין לאדזשער געטאָ . . .

—פאר׳יתומ׳ט בין איך שטיין געבליבן פאר דעם געסעלע וואו איך בין געבוירן געווארן און אויפגעוואקסן. די חורבות פון די הייזער האבן ווי מצבות אויף מיר געקוקט. די דראָט־שטעכיקע געטא צוים האט ווי א פעטליע ארום מיין האלדז זיך געלייגט און געשטיקט ביז טרערן. . . איך האב געוואנדערט איבער געטא־געסלעך, האב געזוכט שפורן פון היים, גרוסן

פון אייגענע, כאטש דעם קלענסטן סימן פון אייגענע געפינען . . .

—נאָר פּרעציז און דייטש־פּינקטלעך איז געווען די ארבעט פון געטא־הענקער האנס ביבאוו. דאס געטא צעשטערט, דאס לאדזשער אידענטום אפּגעשיקט קיין ראַדאָגאשטש, כעלמנא, טרעבלינקא, בוכענוואלד און אוים־שוויץ . . .

—מיט א פארשטיינערט הארץ בין איך אוועק פון דער חורבה וואס איז אמאל געווען מיין הויז. איך האב פארלאזט די געטא מיט א שבועה:—נקמה נעמען אין די ביבאָווס! איך האב געשוואוירן זיי אפּצוצאלן פארן „געטא געלט“, פאר „געלע לאַטע“, פאר די „קינדער אקציעס“—מיט פּאטראנען און קוילן פון רוסי־שע אויטאמאטן. איך צאָל מיט פּראָצענט . . .

אזוי האט ער פארענדיקט זיין דערציילן. זיין מאשין־געווער איז אויסגעפּוצט. ער שטעלט זי פארזיכטיק אוועק אין א ווינקל ווי דאס וואלט געווען א טייערע, ליבע זאַך. ער נעמט זיך איצט טרינקן די אָנגעגאָסענע טיי. פון זיין בלוזע־טאַש, איבער וועלכע עס באָמב־

לען זיך אָרדנס און מעדאַלן, נעמט ער ארויס אין א צייטונגס פּאַפּיר איינגעפּאַקטע אלטע פאָטאָגראַפיע. א איד מיט א בערדל אין א יארמעלקע אויפ'ן קאָפּ, לעבן אים א פרוי אין א זיידן קאָפּטיכל מיט א מגן־דוד־בראָש אויף דער ברוסט.

—הער קאפּיטאַן, דאס זיינען מיינע על־טערן,

—אזוי ווי מיין פאָטער זכרונו לברכה,—זיפצט שטיל דער קאפּיטאַן.

—ענלעך צו מיין מוטער ע"ה,—רייד איך צו זיך אין דער שטיל. . . .

ווער האט דאס געקאנט פאָראויסזען אז דאס וועט זיין מיין לעצטער שמועס מיטן „לאדזשער."

מיר האבן געוואנדערט דורך א וואלדיקער געגנט. די צענטראלע וועגן זיינען געווען פאר־נומען פון מעכאניזירטע פּאַנצער־טיילן, וועלכע האבן טאג און נאַכט געאיילט אין דער ריכטונג פון בערלין. פערד און וואָגען טראנספּאָרטן האבן געמוזט פאָרן דורך אומוועגן, דורך וועל־דער און זייטיקע דערפער.

פארנאכט. מאַנאַטאָן גיסט דער רעגן.
ארום איז בלויז וואַלד. דער וועגווייזער ווייזט
אז עס איז דריי קילאָמעטער צום נאָנטסטן
דאָרף, איינ-און-צוואַנציק קילאָמעטער פון
דייטש-קראָנע.

פּלוצים א שיסעריי

איבער אונז נעמט האָגלען פון וואַלד א
פייער-קאנאנאדע.

דער לאדזשער שפּרינגט אראפּ פון זיין
פורל. נאָך אים נאָך עטלעכע סאלדאטן, עפּענען
א געגן-פייער און שניידן דורך די וואלד-געגנט.
די שיסעריי הערט אבער ניט אויף, פארבלאָנ-
דזשעטע קוילן טרעפן עטלעכע חברים און אויך
דעם „לאדזשער". אין גערויש פון ארום האט
מען אפילו ניט געהערט זיין לעצטן קרעכץ...

איילנדיק האט מען אין דער זייט פון וועג
אים א קבר אויסגעגראבן. ביים שיין פון א
טאַשן-לאמטערנדעל אויפגעשריבן אויף א
ברעטל:

יאקוב מאנדעלבאום, שערעגאָווי
געבוירן 1922 אין לאדזש
געפאלן 26 מערץ, 1945
ערע זיין אנדענק!"

פון עטלעכע שטיינער האט מען א בערגל געמאכט, א מינוט זיינען מיר געשטאנען שטיל־שווייגנדיק זיך געזעגנט מיט דעם פרישן קבר, און—אוועקגעשפּאַנט ווייטער — פאַראויס.

א יונגער פאליאק, א זעלנער פון לאדזש־ער'ס אפּטייל, זאגט צו מיר טרויעריק:

—אזוי איז דאס סאלדאטישע לעבן, געווען א מענטש און—שוין נישטא... מיר האבן פריער מיט אים אפגערעדט היינט ביים אפרו צו בראָטן קארטאָפל . . . ווער ווייסט וואס מארגן דערווארט אונדז אלעמען? . . .

מיר זיינען צוגעקומען צום דאָרף האהענ־שטיין (גוט געארגעסטאל). מיר האבן זיך אפּ־געשטעלט אויף נאכט־רו. מיר פארבינדן די וואונדן פון די געליטענע, די שווער פארוואונ־דעטע וועלן מיר מארגן אפּשיקן קיין שניידער־מיל אדער נויגארד אין שפּיטאל אריין. דער קאפּיטאַן אין א ווייסן קיטעל, זיצט א טרויע־ריקער אויף זיין פעלד־בעטל. פאר אים אויפן טישל ליגן די פּאפּירן און מעדאלן פון „לאדזש־ער". דער קאפּיטאַן האלט אין האנט דאס בילד פון דעם געפאלענעמ'ס טאַטע־מאַמע.

מיר דאכט זיך, אז דעם קאפּיטאַנ'ס אויגן

זיינען פול מיט טרערן. ער—דער מאן וואס האט דורכגעמאכט לענינגראדער בלאָקאדע, איז גע־גאנגען אויף וואַרשע, געמאכט צענדליקע אפע־ראציעס און געזען אלע אומגליקן וואס מלחמה ברענגט מיט זיך—דער מאן איז איצט געזעסן מיט א פנים פון איינעם וואס באוויינט זיין ברודער אדער אייגענעם זון . . .

דער דאקטאר לייענט די צוויי לידער, גע־שריבן פון „לאדזשער". פּראָסטע, ניט־געשלי־פענע סאלדאטישע ווערטער, אבער ווי פאר־שטענדלעך, ווי נאָענט זיינען אָט די פשוטע ווערטער. אָט זיינען סטראָפן פון א ליד, גע־שריבן מיט א בליישטיפט, וואס טראגט דעם נאָמען „מיין שוועסטערל":

—ביסט צו חלום מיר געקומען,
ווען לבנה האט געשיינט
האסט מיך פעסט ארומגענומען
אויף מיין ברוסט שטיל געוויינט.

—האסט דערמאָנט מיך צייטן אלטע
געלייענט זכרונות ווי פון שלאָף,
און פון דיינע באקען קאלטע
האבען טרערן שטיל געטריפט.

—און געוויינט מיר האבען ביידע,
געטיילט די איבערלעבטע שרעק
באקלאגט דעם טויט פון גרויען זיידן
און מיט געוויין זיך אויפגעוועקט.

מען קלאפּט אין טיר. א מענטש אין די דרייסיקער, א קאפּראל, קומט אריין. ער סאַלו־טירט און ווענדט זיך צום דאקטאר:

—פּאַניע קאפּיטאניע, דערלויבט מיר צו פארשרייבן דעם נאָמען פון געפאלענעם.

—ווער זענט איר? איז דער געפאלענער געווען אייערס א באקאנטער אדער פריינט?—פרעגט דער קאפּיטאן.

—ניין,—ענטפערט דער קאפּראל,— איך האב אים אפילו פערזענלעך ניט געקענט, נאָר איך וויל וויסן ווער ער איז, ווייל איך בין אויך א איד.

דער קאפּיטאן דערלאנגט דעם אריינגעקו־מענעם דאס מיליטערישע ביכל פון „לאדזשער" ער שרייבט איבער דעם נאמען.

פון דרויסן, פון וואלד, דערגייט צו אונדז דער אָפּהילך פון א העפטיקער שיסעריי. דער קאפּראל ווענדט זיך צום קאפּיטאן:

—דערלויבט מיר מיט מיין אפּטיילונג אוועקצוגיין אין וואַלד אריין און זיי בארואיקן.

—איך קען אייך ניט שיקן. איר זענט צו ווייניג—אינגאנצן 26 מאן און זיי דארט אין וואַלד, זיינען ווער ווייסט וויפיל. מאָרגן דער־ווארטן מיר פארשטארקערונג. איבעריקענס,

זענט איר אונטערוואַרפן די באפעלן פון אַן
אנדערן קאמאנדיר און אַן זיין צושטימונג קען
איך אייך ניט שיקן, — ענטפערט אים דער
קאפיטאן.

—הער קאפיטאן, זייט 1943 בין איך אויפן פראָנט. זייער אָפט האָגלען איבער מיר די קוילן. מיין מאַנטל איז צעפרעסן פון מינען־שפליטערס. איך וויל לעבן, איך האב נאָך א מאַמע, זי זאל מיר געזונט זיין; איך האב קרובים אין ארץ ישראל: אהין שטרעב איך. לאָמיך נאָך דעם קריג איבערלעבן. נאָר אזוי לאנג ווי מיין הארץ קלאַפּט אין מיר וויל איך קעמפן, און אויב איך וועל פאלן, וועל איך שטארבן מיטן באוואוסטזיין, אז די דייטשע סאלדאטן וואס איך האב דערשאסן, וועלן מער קיין אידיש בלוט ניט פארגיסן. קאפיטאן, איר זענט דאך אויך אזוי ווי איך א איד. איר דארפט מיך פארשטיין. איך האב געזען לובלינער מיי־דאנעק, דעם קרעמאטאריום, די מאסן־קברים. איך האב געזען די בערג מענטשלעכע ביינער, איך האב געזען פעסער מענטשן־פעט, איך האב . . .

—שווייגט,—רייסט אים איבער דער קאַ־פיטאן. ער נעמט דאס בילד פון „לאדזשער׳ס"

עלטערן און ווייזט עם דעם קאפּראל.

—דאס זיינען די עלטערן פון דעם געפאַ־לענעם מאַנדעלבאום. דאס קענען אויך זיין בילדער פון מיינע, פון אייערע, און פון אירע עלטערן.— דער קאַפּיטאַן ווייזט אָן אויף מיר.

—זיי זיינען אומגעקומען נאָר דערפאַר ווייל זיי זיינען געווען אידן. גייט אין וואַלד אריין מיט אייערע זעלנער. אין דער אפּוועזנ־הייט פון אייער קאַמאַנדיר זענט איר זיין פאַר־טרעטער. גייט און זאל אייך גאט העלפן.

* * *

ביינאַכט. איך האב זייער אַן אומרואיקן שלאָף. דאס הילכן פון די גראַנאַטן, די שיסע־רייען, דאס אומאויפהערלעכע ברילן פון די „מאַקסימקעס" אין נאָענטן וואַלד וועקן מיך. די מידקייט טוט אבער אירס און איך שלאָף ווידער איין. עס חלומ'ט זיך מיר דער לאַגער שטוטהאָף, דאס קרעמאַטאָריום . . . איך ליג א געבונדענע און וואַרט אויף מיין ריי פאַר־ברענט צו ווערן. מיט אייזערנע שווערע צוואַנ־גען ווערן מענטשן־סקעלעטן צום אויוון גע־בראַכט . . . דער פלאַם כאַפּט זיי אַרום מיט השק . . . די ביינער זיינען לייכט און טרוקן ווי פּעפּער. זייער ריח שטיקט מיך אין האַלדז.

ס'ווערט אפגעסמאליעט די הויט פון דעם הייצער — דעם „דערלאנגער". די היץ ברענט זיינע אויסגעלאָשענע אויגן. ער וואלט גערן זיך אליין מיט די צוואנגען פארן האלדז אָנגענו־מען און זיך אליין ארייגעווארפן אין אויוון אריין. ארום שטייען הויכע געזונטע דייטשע ס. ס. מענער מיט נאַגייקעס און בייטשן אין די הענט. זיי הירזשן, לאַכן און שמייסן. מען ברענגט נאָך „מאָזל־מענער" (מענטשן אויף פארברענט צו ווערן). פלוצים שטייט אויף איי־נער פון זיי, א טויט־בלאַסער, מיט א טיפער וואונד אויפן שטערן. איך דערקען אים, איך דערקען זיין מיליטערישע בלוזע מיט די מע־דאלן . . . ער כאפט די צוואַנגן פון הייצער'ס הענט, שלאָגט אויף לינקס און אויף רעכטס. ער כאַפט די ס. ס. מענער פאר די גאָרגלען און שמייסט זיי ארײַן אין די אויוונס. זיי שרייען, זיי שיסן. ס'קנאַלט, ס'קנאַקט דאס פייער. ער שניידט איבער די שטריק מיט וועלכע איך בין געבונדן, ער באפרייט אלע פרויען און קינדער, וואס ליגן און ווארטן פארברענט צו ווערן.

—איר זענט פריי, אלע פריי! שטייט אויף!

— — — — — — — — — — — — — —

—שטייט אויף,—וועקט מיך דער קאַפּי־

טאָן,—איילט זיך, מען האט געבראכט שווער־
פארוואונדעטע, קומט גיכער. דער קאפראל
מיט זיינע סאלדאטן האבן זיך אומגעקערט.
צוויי מענטשן פארלוירן און דריי שווער־
פארוואונדעטע, צווישן זיי אויך דער קאפראל.
דער זיג איז אבער געווען א גרויסער, עלף
געפאנגענע און ארום פערציק טויטע "וולא־
סאָווצעס" און דייטשן. דער קאפראל איז פאר־
וואונדעט געווארן באלד ביים אָנהויב פון
קאַמף. ער האט עס אבער ניט אויסגעזאגט
זיינע זעלנער. ער האט זיך געהאלטן מיט
איבערמענטשלעכער קראפט, געגעבן באפעלן
און ערשט ווען די שלאַכט האט זיך געענדיקט
איז ער אומגעפאלן.

איך בין צוגעלאָפן צו זיין בעטל, אוועקגע־
וואשן דאס פארקלעפטע בלוט פון זיין פנים.
דאס בלוט האט דורכגענעצט דעם יאָדאָפאָר־
מירטן באנדאזש. אויך זיין העמד איז געווען
איין בלוט־מאַסע. די הענט און פינגער
האבן ביי מיר געציטערט, עס האט מיר גע־
קלאַפט א צאָן אָן א צאָן. איך האב ניט געקענט
ארויסריידן קיין וואָרט, טרערן האבן זיך אָנגע־
גאָסן אין מיינע אויגן. דער קאפיטאן האט,
זעענדיק מיינע טרערן, מיך געוואלט באזייטיקן.

דער פארוואונדעטער האט א מאַך געטאָן מיט דער האנט:

—לאָז זי דאָ,—האט ער שטיל אויף פּראָסט אידיש געזאגט,—זי איז דאָך אויך א אידיש קינד.

דער קאפּיטאן האט אים געפּרואווט עפּעס פרעגן. דער קאפּראל האט אבער ניט געהערט.

—איך הער ניט, קאפּיטאן, זעט אוים אז איך ווער טויב . . . די פריידיקע נייעס וועגן ניצחון וועל איך מער ניט הערן. איך וואָלט אבער נאָך געוואלט דערלעבן צו זען דעם לעצטן דייטשן סאלדאט א געפאלענעם אויף בערלינער גאַסן. דעמאָלט וואָלט איך רואיק געקענט שטאַרבן, וויסנדיק אז מיין מאמע . . .

דער קאפּיטאן האט מיך ארויסגעפירט פון צימער, ווייל איך האב אויסגעבראָכן אין א ספּאזמאטישן געוויין. איך בין שפּעטער אריינגעקומען מיט צוויי סאַניטאַרן, וואס האבן אים אויף א טראָג-בעטל אריינגעטראגן אין פּראָוויזארישן אפּעראציע-צימער. דער קאפּראל האט געפּרעגט:

—ברודערל קאפּיטאן, בין איך טאַקע אזוי שווער פארוואונדעט?

—רואיק, אלץ וועט זיין אין אָרדנונג. מען וועט אייך גלייך אפּערירן און ניט איין דייטש וועט נאָך פאַלן פון אייער האַנט.

—יא, איך מוז נאָך לעבן. מיר האָבן אונד־זער חשבון מיט זיי נאָך ניט פארענדיקט,—איז ער צופרידן מיט'ן קאַפּיטאַנ'ס ענטפער.

עס איז אָנגעקומען א פארשטאַרקערונג פון רוסיש מיליטער. זיי האָבן ארומגערינ־געלט די געגנט און אפּגערייניקט די וועל־דער פון די דייטשן און „וולאַסאָווצעס“. דער פאַלקאָווניק, א רוס אין א לעדערנער קורטקע און א פוטערן היטל, א יונגער, א ברייטפּלייצי־קער מיט א גוטמוטיקן פּנים, האָט אויסגע־הערט פון די זעלנער דעם באַריכט וועגן דעם קאַפּראַל'ס איבערפאַל אויף די באַנדעס. זעענ־דיק די עלף געפאַנגענע און הערענדיק וועגן די פערציק טויטע, איז ער גאָר שטאַרק באַ־גייסטערט געוואָרן.

—עטא־זשע גערויַ — (ער איז דאָך א העלד)—האָט ער אויסגערופן. ער איז אריין אין אפּעראַציע־צימער, חבר'יש זיך באַגריסט מיט'ן קאַפּיטאַן און זיך נאָכגעפרעגט אויף דעם העלד. דער קאַפּיטאַן האָט מיט א וואונק אָנגע־וויזן אויפ'ן טיש. דער קאַפּראַל איז געלעגן א

רואיקער, ער האט זיך אויף גאַרניט באַקלאָגט. זיין פולס איז געשטיגן פון מינוט צו מינוט. זיינע הענט זיינען אבער געוועזן אייז־קאַלט. דער פאַלקאָווניק האט גענומען ביים קאפיטאן דערלויבניש צו פארשרייבן עטלעכע ביאגרא־פישע איינצלהייטן און זיך געווענדעט צום קאפראל:

—טאווארישטש, וועט איר מיר קענען ענטפערן אויף עטלעכע פראגן?

—יא,—ענטפערט דער קאפראל, — איך וועט אבער מוזן ריידן העכער. איך הער זייער שוואך.

דער פאַלקאָווניק פרעגט מיט א פעסטער שטימע און דער קאפראל ענטפערט:

—נאָמען?
—מיכאל, אויף אידיש, משה.
—פאָטער'ס נאָמען?
—אברהם.
—פאמיליען נאָמען?
—קראוזע.
—געבוירן?
—25טן דעצעמבער, 1912, אין ווארשע, זשוראווסקי גאַס.

—נאַציאָנאַליטעט?

—איד.

—פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט?

—איד.

דער פּאָלקאָווניק מאַכט אים אויפמערק־זאַם, אַז עס אינטערעסירט אים צו פאַרשרייבן צו ער האט געהערט צו אַ פּאַרטיי.

דער פאַרוואונדעטער שמייכלט איראָניש און זאָגט:

—איך בין ביים פולן באוואוסטזיין, טאָ־וואַרישטש פּאָלקאָווניק, פאַרשרייבט, פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט: בן ישראל, אַ איד, אַ געטאָ־קינד.

דער פּאָלקאָווניק איז אין אַ פאַרלעגנהייט. דער קאַפּיטאַן קוקט מיט שטאָלץ אויפ'ן קאַפּראַל.

—וועמען האט איר פון אייער פאַמיליע?

—פרעגט ווייטער דער פּאָלקאָווניק.

—איך האב אַ מאַמע, העלענאַ קראַוזע, וואוינט איצט אין אקטיובינסק.

—זאָל מען איר צו וויסן געבן, אַז איר זון איז פאַרוואונדעט?

—ניין, אויב עס איז מעגלעך, איז בעסער

לאַזן וויסן קיין ארץ ישראל, רחובות, רחוב גלוסקין, צו דוב קראוזע.

—ווי לאנג דינט איר אין דער פוילישער ארמיי?

--פון דעם 15טן מאַי, 1943, פון די ערשטע טעג ווען עס איז געשאפן געווארן די קאסטש־יושקא־דיוויזיע.

—געוועז שוין פארוואונדעט?

—יאָ, ביי לענינא און ביי ווארשע.

דער פאַלקאָווניק האט נאך עפּעס געוואלט פרעגן. דער קאפּיטאן האט אים אבער געגעבן א צייכן צו שווייגן. קראוזע האט ביסלעכווייז פארלוירן דעם באוואוסטזיין. דער קאפּיטאן האט ארויסבאגלייט דעם פאַלקאָווניק. איך שטיי א צוגעשמידטע לעבן טיש וואו קראוזע ליגט. איך הער ווי ער מורמעלט:

—מאַמע, זיי מוחל, פארשרייבט . . . ארץ ישראל, רחובות, רחוב גלוסקין, דוב קראוזע, זיי־זשע מוחל, מאַמע . . .

ער איז איינגעשלאָפן, טראַכט איך.

דער קאפּיטאן איז אריינגעקומען. ער האט צוזאמענגענומען קראוזע'ס מעדאַלן און אָרדענס און צוזאמען מיט זיין מיליטערישן

ביכל ארײַנגעלייגט אין א קאָנווערט. ער האט מיט א רויטן בליישטיפט עפּעס אָנגעשריבן און מיר איבערגעגעבן דעם קאָנווערט.

—טראָג עס אָפּ אין קאַנצעלאַריע, גלייך אפּשיקן אין שטאָב,—זאגט ער מיר א טרויע־ריקער. איך נעם דעם בריף מיט די פּאַפּירן און גיי אין שטאָב אריין.

דער שטאָב געפינט זיך אין דאָרף האָהענ־שטיין, איין קילאמעטער פון דעם גוט געאָרגע־סטאַל, וואו מיר האלטן זיך אויף. אויפן וועג לייען איך נאך אמאל די ביאגראפישע איינצל־הייטן און איך נעם זיך אריין אין זינען דעם ארץ ישראל'דיקן אדרעס . . .

נאָר אין מיטן לייענען האט מיר א שווינדל געטאן פאר די אויגן, איך האב געפילט ווי די קני האַקן זיך מיר אונטער. א קאַלטער שווייס האט מיך באשלאגן. איך שפּאַר זיך אָן אין א פלויט כדי ניט אומצופאלן. איך האב איבער־געלייענט די דיאגנאָזע אין די צושריפט וואס דער קאפיטאן האט געמאכט אויף דעם מילי־טערישן ביכל:

„דורכשוס פוןביידע לונגן, געשטארבן פון בלוט־פארלוסט, היינט דעם . . . "

איך האב ניט געגלויבט מיינע אייגענע

אויגן. הייסט ער אז ער איז איינגעשלאפן אויף אייביק . . . צו וואס האט מען אים געלייגט אויפן אפעראציע־טיש? נאָר כדי אים אפצונארן און באַרואיקן? ווען האט ער דערמאָנט דאס לעצטע? פארוואס האט ער ניט געהייסן צו וויסן געבן זיין מוטער? צו איז געווען זיין ווילן אז העלענע קראוזע אין אקטיובינסק—זיין מאַמע—זאל זיך נארן מיטן געדאנק אז ער לעבט? . . . און אפשר האט ער געגלויבט אז ער וועט נאך לעבן און ניט געוואלט פארשאַפן צער זיין מוטער? איך דערמאָן מיך זיינע ווער־טער בעת מ׳האט אים געטראגן צום אפע־ראציע־טיש:

„—יא, קאפיטאן, מיר האבן אונזער חשבון מיט זיי נאך ניט פארענדיקט . . .“

איך בין צוריקגעקומען פון שטאַב אן אויס־געשעפּטע און א דערשלאָגענע. דער קאפיטאן טרייסט מיך:

—וואָלטן מיר געהאט מער אזעלכע „לאָד־זשער“ און „ווארשעווער“, וואָלט אפשר ניט געווען געקומען צו מאַידאַנעק און אוישוויץ. בעסער אזא טויט, איידער די קרעמאטאָריע אדער די גאַז־קאַמער.

איך האב זיך דערמאָנט אין מיין מאמען,

אין מיין שוועסטערל, אין די הונדערטער, טויזענטער מענטשן, וואס איך האב געזען זיי פירן צום „באד“ אין דעם גאַז-קאַמער אריין. איך האב זיך דערמאָנט אין מיין חלום פון היינט ביינאַכט און איך האב געטראכט:

—יא, די פערציק דייטשן און „וולאַסאָווצעם“, וואס קראוזע און זיינע חברים האבן פארניכטעט, וועלן מער קיין בלוט ניט פארגיסן. . . .

נאָענט פון קבר פון לאדזשער יעקב מאנדעלבאום האט מען אויפגעגראבן נאָך דריי קברים. דעם גאנצן וועג פון דאָרף ביז'ן וואלד האט מען די דריי טויטע קערפערם געטראגן אויף די אקסלען אין ספעציעל-געמאכטע קאַסטנס. נאָענט ביים וואלד האבן אונטערגעשטעלט זייערע אַקסלען צו טראָגן די קערפערס, דער קאפּיטאן און דער פּארוטשניק אין וועמענס אפטיילונג קראוזע האט געדינט. שטיל, אָן ווערטער, האט מען אראפּגעלאזט זייערע יונגע קערפערס אין די קברים. איך האב געקוקט אויף משה קראוזע'ס פּנים און זיך ניט געקענט צוריק האלטן פון וויינען. מען האט מיך אוועקגענומען אין א זייט. איך האב ניט

געהערט די געזעגנונגס־ווערטער פון קאמאנ־
דיר און פון זיינע חברים. וואס זיינען דען דאָ
ווערט ווערטער?



דער ערן פּלוטאָן האט אפּגעגעבן עטלעכע
סאַלווען־שאָסן אין דער לופטן. דער אפיציר
האט איבערגעלייענט א באפעל פון שטאַב
וועגן באלוינען די געפאַלענע העלדן מיט אָר־
דנס. קאָמיש האט מיר אויסגעזען די גאנצע
שפּיל. וואס דארף דען משה קראוזע נאָך זיין
טויט? צי איז דען דאָ אזא מעדאַל וואס זאל
אזויפיל ווערט זיין ווי זיין לעבן? צוויי צלמים
האט מען אוועקגעשטעלט אויף די קברים פון
די געפאלענע קריסטן. די קריסטלעכע זעלנער
האבן זיך אראפּגעלאזט אויף די קני און אפּגע־
זאגט א געבעט פאר זייער רו. א פּראָסט גע־
ווינלעך ברעטל האט מען געשטעלט אויפ׳ן

קבר פון קראוזע. א ברעטל מיט דער אויפֿ־שריפֿט:

„קאַפּראַל וואַיסק פּאָלסקיך מיכאל קראוזע
זון פון אבראם,
געבוירן 1912 אין ווארשע,
געפאלן דעם 27טן מערץ 1945.
ערע זיין אנדענק."

עטלעכע בלומענקראנצן פון ווילדע גע־וויקסן האבן זיינע חברים אוועקגעלייגט אויפ׳ן קבר. און דאן א באַפעל: אויסשטעלן זיך און אוועקמאַרשירן!

איינזאַם, אליין בלייבן ליגן קראוזע און מאנדעלבאום אין פינצטערן וואלד אויף דער פארשאָלטענער דייטשער ערד. קיינער האט נאך זיי קיין קדיש ניט געזאגט. קיינער וועט פון זיי ניט וויסן . . .

דער קאפיטאן נעמט מיך פאר דער האנט און פירט מיך אוועק. עס רעגנט — דער הימל וויינט נאָך זיי . . .

* * *

דאַכט זיך, היינט איז דער לעצטער טאג פסח. אין דרויסן בלאָזט א פרילינג־ווינטל. אלע וועגן זיינען פול מיט אויטאָס, פאַנצערס, טאַנקן און מיליטער. אלץ ציט קיין בערלין. די לופט שמעקט מיט זיג. די שטאָלענע רינגן ארום

דייטשלאַנד ווערן פעסטער, ענגער, די קאַמפּן גרויזאַמער. דייטשלאַנד שיצט זיך מיט אירע לעצטע כחות ווי א פארוואונדעטע חיה. יעדן טאג נייע טויטע און פארוואונדעטע. איך פיר פארוואונדעטע פון נויגארד און פלאַטע קיין שניידערמיל און איך בין ווידער אין דעם גע־געגנט וואו איך בין געווען מיט עטלעכע טעג צוריק. איך בעט דעם שאופער אז ער זאל פאָרן דורכ'ן דאָרף האָהענשטיין. איך וויל נאך אמאל זיין ביי קראוזע'ס און מאנדעלבאום'ס קברים. איך האב אָנגעריסן פרישע בלומען, גע־מאכט צוויי קליינע בינטלעך. . . אבער, די קברים זיינען מער ניטאָ. די קברים־בערגלעך זיינען אויסגעגלייכט מיט דער ערד פון פערד־פאַדקאָוועס און מאַשין־רעדער.



אין דער זייט פון וועג האב איך גע־
פונען דאס קבר־ברעטל פון קאפראל מיכאל
קראוזע. מאנדעלבאומ'ס ברעטל האב איך שוין
ניט געפונען. איך נעם קראַוזע'ס ברעטל אין די
הענט, דער רעגן, די צייט, האבן אפגעשווענקט
די דאטומס, דעם נאמען, אלץ איז פארבלאסט
און פארמעקט . . .

וועט אויך אונזער אנדענקן אזוי ווערן
פארמעקט און פארשוואונדן? ניטאָ קיין צייט
צו טראכטן. דער שאופער סיגנאַליזירט. איך
מוז פאָרן ווייטער, פאָראויס

אבער אין הארצן גיב איך מיר א שבועה,
אז אויב גאט וועט העלפן און איך וועל איבער־
לעבן דעם קריג ווי איך האב איבערגעלעבט
דעם קאנצענטראציע־לאַגער שטוטהאָף, וועל
איך זיי ניט פארגעסן. איך וועל דערמאָנען די
צוויי אומבאקאנטע אידישע זעלנער, צוויי פון
די הונדערטער טויזענטער אידישע העלדישע
קעמפער, וואס ליגן איבער אלע וועגן פון איי־
ראפע, אפריקע און אַזיע, וואס ליגן אין מאסן־

קברים אין אומצייליגע ערטער. אומעטום
האבן זיי געוויסנהאפט און העלדיש געקעמפט,
פארטיידיקענדיק דעם כבוד פון אונזער פאָלק.

* * *

צוויי — א לאדזשער און א ווארשעווער—
לאָמיר געדענקען זייער העלדישקייט, זייער
ליבע צום אידישן פאָלק און זייער האַס צו
אונדזערע שונאים.



# פּאַשקעס וידוי...

# סאַשקע׳סווידוי. . .

געווען איז עס דעם צווייטן מאַי, 1945, אין טאָג ווען בערלין, דייטשלאנד׳ס הויפּט־שטאָט, האט קאפּיטולירט.

צוזאמען מיט א אידישן דאקטאר און צוויי קראנקן־שוועסטערן בין איך געפארן פון רע־גענוואַלדע קיין פלאַטע (פאמערן). א לייכט פרילינג־ווינטל האט געבלאזן אין פּנים. די זון האט אנגענעם געווארעמט. דער סאלדאט, וואס האט אָנגעטריבן די פערד, האט זיך ניט געאיילט. מיר זיינען געפארן דורך דער וואַלד־געגנט שווייגנדיקע, פארטראַכטע. די נייעס, אז די הויפּט־שטאָט פון היטלערלאנד איז געפאלן, האט אונדזערע הערצער אָנגעפילט מיט פרייד און האָפנונג. יעדער האט געטרוימט פון שלום, רו, היים . . .

פלוצים דערהערן מיר הילפס־רופן און קרעכצן. מיר לאזן א קראנקן־שוועסטער ביי די פערד. דער סאלדאט מיט דער געלאַדענער ביקס, דער דאקטאר מיט זיין רענצל, איך און

נאך א קראנקן־שוועסטער לאזן זיך איילנדיק אין דער ריכטונג פון די הילפס־רופן.

מיר האבן אים געפונען אין וועלדל א שווער־פארוואונדעטן. פון ערשטן בליק האב איך דערקענט, אז ס'איז א איד. . . א דייטשע באנדיטישע קויל האט אים געטראפן, ווען ער איז געשטאנען אויפ'ן טעלעגראפן־סלופ און פארלייגט טעלעפאן־פארבינדונגס־דראטן פון לאבעם קיין גרייפנבערג. מיר האבן געוואוסט, אז „סוויאזיסטן", (דאס הייסט: פארבינדלער), ארבעטן שטענדיק אין צווייען. מיר פרעגן אים:

—וואו איז דיין חבר? . . .

—ער האט זיך אוועקגעלאזט יאגן דעם הינטישן זון . . .

מיר ווילן אים נעמען צום ישוב, ביז פלאטע. דער דאקטאר הייסט אים נעמען אויף די אקסלען. ער לאזט זיך ניט:

—מען דארף ניט, טאווארישטשי. . . בעסער פארדרייט מיר א ציגארעטל . . .

דער דאקטאר וויל אים געבן א פאפיראס.

—ניין, א דאנק אייך,—זאגט דער פאר־

וואונדעטער,—איך וויל ניט קיין פּאַפּיראָס...
אָט דאָ אין טאַש פון מיין שינעל־מאַנטל ליגט
צייטונגס־פּאַפּיר און מאַכאָרקע, עכט רוסישע
מאַכאָרקע . . .

אונדזער סאָלדאַט פאַרדרייט אים אַ ציגאַ־
רעטל און דערלאַנגט עס אים צווישן די ליפּן.
ער פאַרהוסט זיך פונם רויך און פון מויל נעמט
פליסן אַ ריטשקעלע בלוט . . .

דער דאָקטאָר בעט זיך ביי אים:

—סאָלדאַט, מיר וועלן דיך זייער פאָרזיכ־
טיק טראָגן. זע, פון מויל רינט דיר בלוט . . .
דו ביסט שווער פאַרוואונדעט . . .

—כ'ווייס . . . אַלץ איינס, ברידערלעך...
איר וועט מיך ווייט שוין ניט דערטראָגן . . .
אויב איר ווילט, צעקנעפּלט מיר דאָס העמד.

איך האָב צעבונדן די בענדלעך פון זיין
סאָלדאַטישן העמד. דער גאַנצער ברוסטקאַסטן
איז געווען איין בלוט מאַסע . . .

מיר האָבן דערהערט הינטער אונדז טריט.
שווער־סאַפּענדיק האָט אַ יונגער אידישער
סאָלדאַט געפירט אַ הויך־געוויקסיקן, ברייט־
פּלייציקן דייטש אין האַלב־מיליטערישער קליי־

דונג. דער דייטש איז געגאנגן מיט אן אראָפּ־
געלאזטן קאָפּ, מיט די הענט אויפ'ן הינטן.
דער רוסישער סאלדאט האט מיט זיין ביקס־
שפּיז אים אונטערגעאיילט:

—פארשאָלטענער . . . שיסן האט זיך דיר
געוואלט?!

און ווענדענדיק זיך צו זיין פארוואונדעטן
חבר האט ער אויסגערופן:

—סאַשענקא, אָט האסטו דעם מערדער
דיינעם . . .

מיט די לעצטע כחות האט סאַשקע זיך
אונטערגעהויבן, גענומען מיט דער לינקער
האנט זיין אויטאָמאטישע „סעוועטע"־ביקס
און עטליכע מאָל א קוועטש געטאן ביים צינגל
אין דער ריכטונג פון דייטש, וועלכער האט
זיך א וואַקל געטאן און—אומגעפאלן . . .

סאַשקע האט ארויסגענומען דאס ציגא־
רעטל פון מויל און עם דערלאנגט זיין חבר:

—נאַ, נעם און פארענדיק רויכערן, איך
קען ניט מער. . .

זיין פּנים איז געווארן בלאַסער פון מינוט
צו מינוט, נאָר אין די אויגן האבן געגלאנצט
צוויי פּייערלעך.

—אין דיין מאַמען אריין . . . ביסט א מאָ־
לאָדיעץ, סיאָמקע. איך בין דיר דאנקבאר וואס
דו האסט מיר געכאַפּט דעם מערזאַוויעץ . . .
כ'האב צו דיר נאָר נאָך איין בקשה, אָט דאָ אין
שינעל מאנטל ליגט מיין טראָפּייענע מויל־
האַרמאָשקע. נעם, טייערער, און שפּיל מיר
עפּעס היימישעס, ווייל כ'פּיל, אז כ'ענדיק זיך...

סיאָמקע האט געפאָלגט דעם לעצטן באַ־
גער פון זיין חבר, האט ארויסגענומען די מויל־
הארמאָשקע און געפרעגט:

—וואס זאל איך דיר שפּילן, סאַשענקע?

סאַשקע האט ניט געהערט די פראגע. ער
האט זיך געווענדט צו אונדז:

איר זעט מיר אוים ווי אידן, א־יאָ, כ'בין
זיך ניט טועה? . . .

מיר האבן מיט שטומען קאָפּ־שאָקל באַ־
שטעטיקט.

—איך און סיאָמע זיינען מיר אויך אידן.
איך בין פון מאַלין און סיאָמע פון קאַראַסטי־
שעוו. מיר ביידע האבן צוזאמען געלערנט אין
זשיטאמיר, אין א אידישן פּעדאגאָגישן טעכ־
ניקום . . . ביי וואָרסאָווסקי'ן . . . מיר זיינען
ביידע צוזאמען געגאנגען אין דער ארמיי אלס

טעלעגראפיסטן־פארבינדלער . . . שווער מיר צו ריידן . . . גיט א שלוק וואסער. .

סיאמע האט אים פון זיין סאלדאטסקע פלאש דערלאנגט א טרונק.

—איז דאס אמת, אז היינט איז בערלין געפאלן?

מיר באשטעטיקן עס מיט קאפ־שאקלען.

—א שאד,—רעדט ווייטער סאשקע,—א גרויסער שאד. איך האב אזוי געוואלט זיין דערביי אין בערלין . . . איך האב געשריבן א בריף צו מיין מאמען קיין קויבישעוו, אז . . . כ'וועל אין קורצן זיין אין בערלין און—קומען אהיים . . .

סאשקע ציט אריין טיף דעם אטעם:

—וואס קוקט איר אויף מיר אזוי טרויעריק? סיאמע, וואס וויינסטו עפעס? ווייסט, סיאמע, אז מיין טאטע איז געשטארבן, האט ער פאר'ן טויט זיך געוואשן די הענט און געזאגט עפעס אויף העברייאיש . . . אז ער האט אפגעזאגט דאס געבעט, האט ער אונדז צוגערופן, געזעגנט זיך, און געזאגט, אז איצט איז אים לייכטער צו שטארבן . . . ווייסט, סיאמקע, איך וואלט איצט

זייער געוואלט קענען דאס געבעט . . . מיר איז אזוי שווער זיך צו שיידן מיט דיר . . . קיין שמערצן פיל איך ניט . . . ס'טוט מיר גאָרניט ווייַ . . . נאָר שווער איז מיר . . . אוי, שווער. . . כ'בין דאָך אן איין-און-איינציקער ביי דער מאַמען געבליבן . . . און וואַליעטשקע'ן האב איך צוגעזאגט, אז באלד נאך דער מלחמה וועל איך מיט איר החתונה האבן . . . נו, סיאָמע, הער אויף צו וויינען . . . ספּאַסט ניט פאר א סאלדאט . . . מיין הארמאָשקע שענק איך דיר אלם אנדענק . . . סיאָמע, דו, דאכט זיך, האסט אמאל געלערנט ביי א מלמד? געדענקסט גאָר-ניט אויף העברייאיש? . . .

—ניין, סאַשענקע, כ'געדענק ניט,—האט סיאָמע מיט טרערנפולע אויגן, זיך ווי פאר-ענטפערט.

—טאָ שפּיל מיר עפּעס היימישעס, אויף אידיש . . . שפּיל מיר וואס מיין מאַמע פלעגט זינגען: „אויפן פריפּעטשיק". . .

סיאָמע האט זיך אראָפּגעלאזט אויף די קני צו זיין חבר. זיינע ליפּן האבן געשפּילט א אידיש פאָלקס-ליד און פון זיינע אויגן זיי-נען גערונען טרערן . . סאשקע'ס ליפּן האבן

זיך באוועגט—ווי מיטזינגנדיק. זיין פנים האט זיך קינדיש צעשמייכלט. צוויי גרויסע, פינקל־דיק־הייסע טרערן זיינען אראָפּגערונען איבער זיינע טויט־בלאַסע באקן און געבליבן פאַרגלי־ווערט אין די מויל־ווינקלען.

מיט'ן שמייכל אויף די ליפּן איז ער אויס־געגאנגען . . .

סיאַמע האט דעם גאנצן וועג געשפּילט אויף דער מויל־האַרמאָשקע און געוויינט. מיר זיינען געפארן, האלטנדיק דעם יונג־טויטן קער־פּער און—מיטגעוויינט . . . יעדער פון אונדז האט ערגעץ וואו געהאט א פריינט, א מאמע... א וואַליעטשקע . . . א היים . . . און ס'האט זיך אונדז אויסגעדוכט, אז דאס איז ער געשטארבן פאר אונדזער מאַמען, אונדזער היים און אונד־זער פרייהייט . . .

— — — — — — — — — — — — — —

אין שטעטל פלאטע, אין פּאַמערן, ביים שטעטלדיקן באַנהויף, אונטער א שטיינערנעם מאָנומענט מיט דער אויפשריפט: „פאר אייער און אונדזער פרייהייט" געפינט זיך א מאסן־קבר פון זעקס געפאלענע: צוויי רוסן, איין פאליאק,

איין אוזבעק און צוויי אידן. איינער פון זיי איז: „סאַשא איגדאַל, געבוירן 1921 אין מאַלין, ביי זשיטאָמיר, געפאלן דעם 2טן מאַי, 1945".

יעדעס מאָל, ווען כ'פלעג שפּעטער פאַר־בייגיין דעם קבר האט זיך מיר אויסגעדוכט אז כ'הער זינגען:

"אויפן פּריפּעטשיק ברענט א פייערל
און אין שטוב איז הייס
און דער רבי לערנט
קליינע קינדערלעך
דעם אלף־בית . . . "

# דער וועג אויף צוריק



# דער וועג אויף צוריק . . .

## I.

דעצעמבער, 1941.

א שלעכטער בלאָטיקער וועג פירט צום דאָרף טיכאָיע, מינסקער געגנט. דורך וואַלד און סטעפּ, פעלדער און זומפּן, ציט זיך דער וועג.

דער „ס. ס." מאַן שעלט דעם הייליקן סאַק־ראַמענט, די אידן וועלכע ער טרייבט און די באָלשעוויקעס—פאַר זייערע שלעכטע וועגן.

—דאָנער־וועטער, קאָמוניסטישע ווירט־שאַפט,— מורמעלט ער בייז.

ער דערמאָנט זיך זיין היימאַטס־שטעטל לאוטערבאך אין העססן, דעם דאָרף וואו ער איז אויפגעוואקסן; די הייזלעך, דער גאָרטן, די פלאַנירטע וועגן און פעלדער, און נאָך א גרעסערער כעס צעשפּאַרט זיין ברוסט קעגן די „פארפלוכטע, שמוציקע אידן" וועלכע ער מוז באגלייטן יעדן צווייטן טאג צו דעם פאר־שאָלטענעם דאָרף.

—צו וואס דארף מען די שוויינען־באַנדע

טרייבן אין דאָרף אריין? — בורטשעט ער פאר זיך.

—ארבעטן טוען זיי ניט; עסן גיט מען זיי ניט; און קיין נוצן פון זיי איז אויך נישטאָ... וואָלט מען בעסער גלייך ביי דער באן-אויס-שטייגונג א האָגל געטאן פון מאשין-געווער איבער די העסלעכע קעפּ און דערליידיקט!...

צו וואס דארף ער זיך אפּפרירן די פיס און פארקילן דעם האלדז? ער, וואס האט אזא איידעל אטעם-סיסטעם אז ביי יעדער קלייני-קייט באקומט ער א שנופּן-קאַטאַר.

—צוליב אָט דעם מיסט-פאלק, — טראכט ער,—וועל איך נאך באקומען רהיניייטיס, ווי דער דאקטאר האט מיך געווארנט. ער, וואס האט קיינמאל אין זיין דאָרף מיט אידן ניט גע-האט די מינדעסטע געמיינזאמקייט; ער מוז נעבעך ליידן צוליב אָט די „ווילדע באשעפע-נישן“!....

—קרייץ-דאָנער-וועטער, שנעלער דאָרט, מיסט-פאָלק!

זיין שטימע, א הייזעריקע, א צוגעקילטע, מאכט דעם געהעריקן איינדרוק. די דריי הונ-דערט פרויען, יונגע און אלטע, נעמען צואיילן זייערע טריט. זיי טוליען זיך פעסטער איינע

צו דער אנדערער; ציטערן פאר קעלט אין דער לייכטער קליידונג. זיי שטרענגען אָן די לעצטע כחות ניט צו בלייבן הינטערשטעליק, ניט אָפּ־צושטיין אין וועג. זיי ווייסן, זיי האבן געזען וואס ס'ווערט געטאָן מיט די מענטשן וועל־קענען ווייטער ניט גיין . . .

דער „ס. ס." מאן שמייכלט צופרידן מיט זיך, וואס זיין שטימע האט אזא מעכטיקע קראַפט און ווארפט אָן אזא פחד אויף די דריי הונדערט מענטשן.

כדי צו דערשלאָגן צייט, לאזט ער זיין פאַנטאַזיע שוועבן אין דער פארגאנגענהייט; אין דער יוגנט איז ער געווען א פאסטוך אין דאָרף גרעבענאו, ביי אלספעלד. אז ער פלעגט טרייבן די סטאַדעס קי איינער אליין מיט זיין „שעפּע־הונט", איבער די גרינע פאַשע פעלדער פון נידער־אולאַ; האט ער זיך פאַרגעשטעלט, אז ער איז א גענעראל און די בהמות זיינען סאלדאטן מיט וועלכע ער קאָ־מאַנדעוועט. דער באוער (פויער) ביי וועלכן ער איז געווען אנגעשטעלט האט אבער קאָ־מאַנדעוועט מיט אים, אָפּט אָפּגעציילט מיט

יעקישער פינקטלעכקייט אויפן „נאַקעטען“...
צען שמין, אז וואַכנלאַנג האט ער ניט געקענט
זיצן און ניט ליגן... זיין טרוים צו קאָמאנ-
דעווען איבער מענטשן איז פארווירקלעכט גע-
וואָרן. אמת, ער איז ניט קיין גענעראל, ער איז
אבער אן אונטערשארפיורער ביי „ס. ס.“ וואַפן
און איז יעדן צווייטן טאג הערשער איבער
לעבן און טויט פון גרויסע טראנספּאָרטן
מענטשן...

—מענטשן? פאראזיטן! פיינט פון פאטער-
לאַנד! פאררעטער! —„סאַקראַמענטא“—ברילט
זיין שטימע,—שווינענבאנדע, שנעלער!

די מאסע באוועגט זיך מיט גרוים אנ-
שטרענגונג פאָראויס. אן עלטערע פרוי איז
ארײנגעפאלן מיט איין פוס אין א זומפּ און גע-
בליבן ליגן. איינער פון דער געהילפס-וואַך, א
הויכגעוויקסיגער, רויט-פּנים'דיקער אוקריי-
נער האט האַסטיק אראפגעלאזט זיי גומי נאַ-
גייקע אויף דער אלטער'ס רוקן!

—אלטע וויעדמא (מכשפה), פאָראויס!
ווייל דו וועסט גלייך דערשאָסן...

א יונג מיידל מיט א קינדיש פּנים און

צוויי צעשראָקענע אויגן, מיט א רויט־קרייץ טאַש אויפן אקסעל, העלפט דער אלטער ארויס־שלעפן פון טיפן בלאָטע־זומפּ. די אלטע, מיט לעצטע כחות, קוים האלטענדיק זיך אויף די פיס, אָנגעשפּאַרט אויפן אקסעל פון דער מיידל, פּרואווט שטעלן עטלעכע טריט, נאָר זי בלייבט שטיין אָן כחות.

—איך קען ניט מער, — זאגט זי אויף דייטש.

—פילן דאַנק פריילײן פאר די הילפע . . . איך קען ווירקלעך ניט מער. . .

—שטארקט זיך פרוי,—מוטיקט זי דאס מיידל. שוין ניט ווייט, עטלעכע קילאָמעטער און מיר זיינען אויף אן אָרט. שטאַרקן זי זיך. . .

—ניין, איך קען ניט מער, לאָזן זי מיך דאָ! זי לאָזט זיך אראפּ אויף די קני אין דער בלאָטע.

דער „ס. ס." מאן קומט אונטער:

—דו אלטע, וואס גייט איר ניט ווייטער?

—איך קען ניט מער גיין, הער אונטער־שאַרפיורער. . .

—שטיין בלייבן!—הילכט א באפעל.

די מאַסע שטעלט זיך, טוען טיף איינאָטעמען די פייכט־קאַלטע לופט און ווענדן זייערע בליקן אין דער ריכטונג פון וואַנען דער באַפעל איז געקומען.

—ווער ס'קען ווייטער ניט גיין זאָל ארויסקומען פאָראויס.

אָן אַלגעמיינער שווייגן. קיינער רירט זיך ניט.

—איך וואָרן אייך נאָכאמאל: ווער ס'קען ווייטער ניט גיין זאל איצט גלייך ארויסטרעטן, וועל איך זיי צופירן מיט אַ פור. ווער ס'וועט אָבער אָפּשטיין אין וועג וועט גלייך ווערן דערשאָסן! . . .

חוץ די ערשטע פרוי זיינען ארויסגעטראָטן פון די רייען נאָך פיר פרויען, איינע מיט אַ געשוואָלענעם פוס, אַן איינזאַמע אַלטיטשקע מיט אַ מיידעלע ביי דער האַנט, און אַ מיטל־יאָריקע שוואַרץ־האָריקע פרוי מיט אַ דאַר איינגעפאַלן פּנים און צוויי פּיבער־פלאַמענדע באַקן. דאָס יונגע מיידל מיט די רויטקרייץ טאַש אויפן אַקסל, זעענדיק דאָס איראָנישע שמייכלען פון די אוקריינער, האָט פאַרשטאַנען אַז דאָ רוקט זיך אָן אַן אומגליק. צו גיין און הייסן די פינף פרויען זיך צוריק־

שטעלן אין דער ריי מיינט זיך אויסשטעלן אויף געפּאר אליין מיטגענומען צו ווערן. האט זי בלויז געגומען דאס מידע פינף-יעריקע קינד צו זיך אויפן אקסעל.

די בליק-מיידלעך טרייבן און יאָגן:

—ווייטער מאַרשירן לאוס!

—לאוס! לאוס! האפּ! האפּ! . . .

דער „ס. ס.“ מאַן און צוויי אוקריינער בלייבן ביי די פיר פרויען. דאס קינד וואס דאס מיידל טראגט אויפן אַקסל שרייט און וויינט:

—כ'וויל צו אָמאאא . . . (כ'וויל צו דער באָבען).

אפגייענדיק עטליכע צענדליק מעטער דערהערט זיך א שאָס, דערנאָך א צווייטער, און נאָך א קליינע פויזע, ווידער א סאַלווע . . .

די מאסע ציטערט אויף. אלע ווייסן און פארשטייען וואס ס'האט פּאַסירט . . . און אינס־טינקטיוו נעמען זיי גיין שנעלער, כאטש די פיס זיינען בלייאיק-פרעמדע, שווערע, אָנגע־ווייטיקטע, דורכגענעצטע. יעדער איינע באמיט זיך צו פארגיכערן דעם טראַט, צו שפּאַנען מיט דער ריי, יעדע פילט אז גיין הייסט לעבן, שטיין בלייבן הייסט—טויט . . . בלויז דאס קינד ביי

דער מיידל אויפן אקסעל וויל פון דעם אלעם
ניט וויסן, וויינט און שרייט:
—לאָזט מיך. כ'וויל צו אָמאאא . . .

גרויס און ברייט זיינען די פעלדער פון
ווייס־רוסלאנד; לאנג, אומענדלעך לאַנג, זיינען
אירע סטעפעס און וועגן.

ערשט שפּעט אין אוונט, אויסגעמאַטער־
טע, דערפרוירענע, נאַסע און הונגעריקע איז
די פרויען מאסע, ווי שאָטנס און געשפּענסער
אָנגעקומען צום אָרט. זיי שלייכן אריין דורך די
דראָט־ פארצאמונג אין דאָרף טיכאָיע, וואס איז
איצט ארבעטס־לאַגער 14־ה. אלע ווערן אריינ־
געטריבן אין פּי שטאַלן. מען הייסט זיך אויס־
טאָן און גרייטן די קליידער צו דיסענפעקציע
און באד. ציטערנדיק פון קעלט שטייען די
מידע פרויען און וואַרטן אויף א ווייטערדיקן
באַפעל. נאך שעה'ן שטיין, קומט א פאר־
אָרדנונג:
—צוליב דער שפּעטער שעה וועט היינט
קיין באד ניט פארקומען . . .
די פרויען, נאַקעטע, וואַרפן זיך אויפן
נאַסן לייםיקן באָדן, טוליען זיך איינע צו די

אנדערע און מיד־דערשעפטע פארזינקן זיי אין טיפן שלאָף.

## II

א נייער, שיין־אויסגעפלאַסטערטער וועג פירט פון דאָרף טיכאָיע, דורך א צעשטערטן פלי־פּלאַץ אין א קליין מיליטעריש שטעטל. פוןביידע זייטן וועג געפינען זיך שוץ־גריבער, צעגראָבענע פעלדער, בעטאָנענע בונקערס און מיט מענטשלעכע קערפּער־טיילן פאַרשאָטענע זומפּן.

דעם גלאַטן, מיט שטיין אויסגעפלאַסטערטן וועג האבן געבויט אין 1942 ווייס־רוסישע, ליטווישע און דייטשע אידן.

די לעצטע זיינען געבראכט געווארן פון ברעמען, האמבורג, פראנקפורט און קאססעל און זיינען „קאזאנירט געווארן" אין מינסקער געטאָ, אין די לאַגערן פון באברויסק, אין אר־בייטס־קאמאנדעס ארום דעם פראָנט. מיט אידישע הענט, אונטער אוקריינישע בייטשן, האבן אידן און ווייס־רוסן געבויט דעם פלי־פלאַץ. דאס מיליטערישע שטעטל האבן געבויט אונגאַרישע און בעסאראבישע אידן־קאמאנ־דעס וועלכע זיינען נאכ'ן פארענדיקן זייער אר־

בעט געטריבן געווארן אלס פּאַרפּאַסטנס אויף די מינען פעלדער אדער אויסגענוצט געווארן אלס שוץ-ברעט ביים דורכפירן שטראַף-עקס-פעדיציעס קעגן ווייס-רוסישן „פּארטיזאנסקי קריי“ (פּארטיזאנער לאנד).

ווען די סאָוויעטישע טיילן האבן דורכגע-בראכן דעם דייטשן פראָנט, ווען די היטלער-ארמייען האבן גענומען זיך צוריקציען פון ארום מאסקווע, מינסק, סמאָלענסק, האבן די ווייס-רוסישע פּארטיזאנער אפגעשניטן דעם צוריק-וועג פון די אנטלויפנדע דייטשן, פארמינעוועט די וועגן, געשעדיקט די קאמוניקאציע, אויפגע-ריסן פלי-פּלעצער, און אזוי ארום אוממעגלעך געמאכט פאר די דייטשן ארויסצוקריכן פון די ווייס-רוסישע בלאָטעס.

ווען די סאָוויעטישע ארמיי האט פארנומען מינסקער געגנט איז אין האלב-צעשטערטן דאָרף טיכאָיע געווארן איינגעאָרדענט א זאמל-פונקט פאר דייטשע קריגס-געפאנגענע.

פון דאָרף טיכאָיע ווערן איצט געפירט עטלעכע הונדערט דייטשע קריגס געפאנגענע.

עס זיינען די ערשטע טעג נאך ניי־יאר 1945. א פראָסטיקער ווינט בלאָזט פון אלע זייטן. א טיפער שניי דעקט צו דעם וועג.

זיבן מענער און א צענדליק פרויען אין האַלב־מיליטערישע קליידער, באוואפנטע מיט סאָוויעטישע „פעפעשאס" - מאשין געווער שטעלן פעסט זייערע טריט אין די וואַרעמע, געפילצטע, רוסישע וואַליענקעס. דאגעגן די דייטשע געפאנגענע, האלב באָרוועסע, די פיס געוויקעלטע אין שמאַטעס, שלעפן זיך לאנגזאם. די פינגער פון זייערע פיס פרירן, ווערן פאר־שטייפט און פארקראמפט. אלע מאל פאלט אָן אנדערער. איינע פון די באוואפנטע פרויען מיט א רויט־קרייץ טאָרבע אויף די אַקסלען גייט צו, שטעלט די דיאגנאָזע:

—אויפשטיין און ווייטער גיין!

—נעמען אים אויף די אַקסלען!

—לאָזן ליגן! . . .

די פרוי מיט די רויט־קרייץ טאָרבע אויפן אקסל האלט אירע הענט אין די ווארעמע טאַשן פון איר מיליטערישן שינעל. איר פנים'ל זעט זיך קוים ארויס פון אונטער די אראפגע־

לאָזטע אויערן־לאַפּן פון וואַרעמען סאלדאטישן היטל. דאָס איינציקע וואָס זעט זיך ארויס איז אַן אָדלער־פּאַרמיק אויסגעבויגן נעזל, און צוויי מאַנדל־רונדע טונקל־ברוינע אויגן.

מיט דעם אייגענעם ווען איז זי, כמעט מיט דריי יאר צוריק געטריבן געוואָרן קיין טיכאַיע מיט אַ טראַנספּאָרט פון דריי הונדערט אידישע פרויען פון דייטשלאַנד. אויך דאַמאָלט האָט זי געטראָגן אַ רויט־קרייץ טאַרבע אויף די אַקסלען; דאַמאָלט — דערמאָנט זי זיך — האָט זי אויך געטראָגן אויף אירע פּלייצעס אַ פינף יאָריק מיידעלע, וועלכע האָט ניט אויפגעהערט דעם גאַנצן וועג שרייען:

—איך וויל צו אָמאַ . . . צו אָמאַאַאַ . . .

איין דערמאָנונג ברענגט די צווייטע. ווי פון אַ בוך שווימען פאַרביי אירע אויגן איבערלעבענישן פון די לעצטע דריי יאָר. קאַטאַסטראָפישע ארבעט, פּייניקונגען, אַקציעס, סעלעקציעס, באַמבאַרדירונגען. מ'האָט געפירט זיי, אַ גרופּע פון זעכציק פרויען צום ליקווידירן. אַ פּאַרטיזאַנער אָטריאַד האָט זיי אָפּגעשלאָגן, געראַטעוועט און מיטגענומען מיט זיך. ווען די סאָוויעטן האָבן גענומען גיין פאָראויס, האָבן זיי די פרויען צוגענומען אויף ארבעט אין מילי־

טערישע שפּיטאלן, צו קאַכן אין וואַרשטאַטן. זי האָבן זיי גענומען אַלס איבערזעצערין און קראַנקן־שוועסטער. זי האָט זיך אויסגעלערנט אַביסל רוסיש, שנעל באַנומען די קונסט פון האַלטן אַן אויטאָמאַטיש געווער און זי פּירט קריגס געפאַנגענע פון לאַגער טיכאָיע צו דער באַן סטאַנציע. פון דאָרט ווערן זיי געשיקט אין די קוילן־גריבער פון אוראַל, אַרכאַנגעלסק און נאָוואָסיבירסק. דאָרט וועלן זיי זיך שוין „אויסרוען"...

— שוועסטערל, — זאָגט צו איר אַ רויט־אַרמייער,—ווידער איינער געפאַלן, כ'ווייס ניט צו איז ער ווירקלעך דערשעפּט, צו ער „מאַרקירט"...

זי דערנענטערט זיך צום פּלאַץ וואו יענער ליגט, בויגט זיך אָן איבער אים און טאַפּט זיין פּולס. זי באַטראַכט זיין געל פאַרוואַקסן, ניט געוואַשן פּנים, דעם פרויען זאַק וואָס איז אַרומגעוויקלט ווי אַ שאַל אַרום זיין האַלדז; זי פילט זיינע געפרוירענע פינגער און שנעלן פּולס. זי וויל שוין זאָגן:

—נעמען אויף די אַקסלען!

דאָ פּאַלט איר בליק אויף זיינע אויגן און ס'דאכט זיך איר אז זי חלומ'ט. די אויגן האט זי שוין אמאל געזען. זי קוקט זיך איין טיפער אין זיין געזיכט, אין דעם געלן, ניט ראזירטן בערדל; אויך ער נעמט זיך איינקוקן אין איר קוים־ארויסזעענדיק פּנימ'ל.

—פון וואנען זענט איר?—פרעגט זי אים אין דייטש.

דער סאלדאט נעמט אָנשטרענגן זיין בליק און פּרואווט זיך עפּעם דערמאָנען.

—איך בין פון אויבערהעססן, אוּם לאור־טערבאך.

—און איך בין פון גרעבענאו ביי אלס־פעלד.

— אַך זאָ! — רייסט זיך ארוים פון זיין ברוסט א געשריי פון דערשטוינונג. איך האב אין מיין יוגנט געארבעט ביים אלטן רייטה, אין גאַסטהויז־ווירטשאַפט אין גרעבענאו.

זי פּרואווט אנשטרענגן איר זכרון. זי קען זיך אין אים ניט דערמאָנען. זי איז אוועק פון גרעבענאו אלס קינד פון 12 יאר, באלד ווי דער אלטער רייטה און זיין זון האבן אָנגע־הויבן רודפ'ן איר זיידן און אונטערגעצונדן די

שול אין דאָרף . . זי איז דאמאלט אוועק קיין פראנקפורט־אם־מיין אין „שמשון ראפאעל הירש" שולע. איר מוטער איז אוועק קיין בער־לין, איר פאטער האבן זיי פארשלעפט קיין בוכנוואלד. . .

—ניין, ניט אין גרעבענאו האב איך אייך געזען; זענט איר געווען ביי די „ס. ס." טרופן?

דער סאלדאט נעמט ציטערן מיט זיין גאנצן קערפער. ער קוקט זיך אום מיט מורא אויף אלע זייטן צו עמיצער פון די רוסן הערט ניט די פראַגע.

זי וואַרט ניט אויף קיין ענטפער . . . איצט האט זי אים דערקענט, דאס האט ער זי גע־טריבן צוזאמען מיט דעם טראנספּאָרט פרויען קיין טיכאָיע . . .

דאס איז ער דער „אונטערשארפיורער", וועלכער האט אין וועג אומגעבראכט פרויען דערפאר וואס זיי האבן ניט געקענט גיין אזוי שנעל ווי ער האט געוואלט . . .

—געדענקט איר דעם וועג דאָ?—פרעגט זי מיט א ביטערן שמייכל, — געדענקט איר דעם וועג אויף וועלכן מיר גייען איצט?! איר דארפט אים גוט קענען. איך האב אייך געזען מאנאטן לאנג ברענגען טראנס־

פאַרטן . . . כ'האב אפילו געהערט ווי איר האט אמאל געזאגט צום לאַגער־דאקטאר, אז לויט אייער מיינונג דארף מען ניט ברענגען די „שוויינען באנדע" אהער, איר קריגט דער־פון אייער שנופּפן־קאַטאַר. בעסער גלייך אָנ־שטעלן געווער און—דערליידיקט.

—מיטלייד, שוועסטער, — בעט זיך דער דייטש, — איך בין אומשולדיק. איך האב גע־האט אזא באפעל, אזוי צו האנדלען. איך בין נאָר סאלדאט . . . נאָר סאלדאט . . . מיטלייד. . .

דער אפיציר וואס האט געפירט די געפאנ־גענע, באגלייט פון צוויי סאלדאטן, איז צוגע־קומען.

—דו, חבר'טע־שוועסטערל, וואס האסטו זיך דאָ צערעדט מיט אים? מענטשן וואַרטן, וואס איז מיט אים? וואס קוקט ער אזוי ווילד און דערשראָקן?

—קאמאנדיר, קוקסט אָן דעם נעבעכל, דאס איז א געוועזענער אונטערשארפיורער ביי „ס. ס." וואַפן. ער האט מיך געטריבן מיט דעם אייגענעם וועג אין קאצעט־לאַגער אריין מיט דריי יאר צוריק. אויפ'ן וועג האט ער אלע עט־לעכע שעה זיך אפגעשטעלט, אויסגעקליבן די שוואַכערע און זיי דערשאָסן . . .

דער אפיציר האט א וואונק געגעבן צו איינעם פון די סאלדאטן. יענער האט תיכף אָנגעשטעלט זיין אוטאמאט אויפן ליגנדיקן.

די שוועסטער איז צוגעשפּרונגען:

—ניין! ניט דערשיסן! זאל ער אויפשטיין און גיין! . . .

—כ'קען ניט, שוועסטער, די פיס זיינען מיר אפגעפרוירן. דער שנופּפן-קאַטאַר לאזט מיך ניט אטעמען . . די קני ברעכן זיך. . . כ'קען ניט . . .

—מיר האבן אויך ניט געקענט; דו האסט אונדז געטריבן . . .

—כ'האב געמוזט. אזעלכע באפעלן געווען. כ'בין א סאלדאט.

דער סאוויעטישער אפיציר האט זיך דער-נענטערט:

—סוקין-סין (הינטישער זון), אויפגעהויבן און געגאנגען; נאך איין וואָרט און דו ווערסט דערשאָסן.

דער אפיציר האט ארויסגעצויגן זיין נאַ-גאַן (רעוואָלווער).

—שיסט ניט, ביטע, ביטע, שיסט ניט. האט מיטלייד, כ'וועל שוין גיין . . .

ער האט זיך מיט מי אויפגעשטעלט און מיט די לעצטע כחות געגומען שלעפן די פיס. ער איז אפגעגאנגען עטליכע טריט, אריינגע־פאלן מיט איין פוס אין א מינען־לאָך און גע־בליבן ליגן.

—דאָנער־וועטער,—האט ער געשאָלטן,— אזא קאלטער ווינט... דער קאַטאַר לאזט אים ניטכאפן דעם אטעם. ער האט זיך דערמאָנט אין זיין היימשטעטל לאוטערבאך, די פלאניר־טע פעלדער און וועגן.

—דארט—טראכט ער,—דארט איז קיינ־מאל ניט אזוי קאלט . . .

דאס ערשטע מאָל אין זיין לעבן האט ער געשאָלטן דעם פיורער, היטלערן אליין:

—„סאקראמענטא", קרייך־דאָנער־וועטער, צו וואס האב איך דאס געדארפט? צו וואס האבן מיר דעם קריג געדארפט? איך, דומער קערל, האב געוואלט ווערן א גענעראל. ווי גוט איז מיר געווען ביים פאַשן פי אין פעלד. . .

די שוועסטער האט צוגערופן א קריגס־גע־פאנגענעם ער זאל אים העלפן ארויסקריכן פון דעם מינען־לאָך. ער האט אבער זיך ניט גע־קענט רירן.

—לאָזט מיך דאָ, איך וויל ניט מער . . .
איך קען ניט מער . . . דער שיקזאַל האט מיך באשטראפט. דאָ אויף דעם זעלביקן וועג האב איך געטריבן טויזנטער... אויף דעם וועג ווער איך געטריבן . . . דער קריגס-געפאנגענער, א צופרידענער וואס ער וועט אים ניט דארפן שלעפן איז אוועק צוריק אויף זיין ארט און איבערגעלאזט זיין קאמעראד אין מינען-לאַך.

די קאָלאָנע האט זיך דערווייטערט. אויפ'ן וועג איז געווען טויט-שטיל. מען האט געהערט בלויז דאס וואָיען פון ווינט.

די שוועסטער וועלכע איז געגאנגען הינ־טער די קריגס-געפאנגענע, פון די לעצטע, האט עטלעכע מאָל זיך אומגעקערט, אזוי לאנג ביז דער סאלדאט איז פארשוואונדן אין מינען־לאַך.... און האט אויסגעזען ווי א ווייטער שווארצער פונקט אויפן שניי-וועג . . .

# שטורם-נאכט

(געהערט און פארצייכנט אין ד. פ. לאַגער
באד־זאלצשליף אמעריקאנער זאָנע,
אין דייטשלאנד.)

אלע אומבאקאנטע אמעריקאנער פליער
וואס האבן באצאלט מיט זייערע לעבנס
פאר אונזער באפרייאונג.
אין הייליקן אנדענק

# שטורם-נאַכט

רעגן און ווינט — ווי צענויפגעשמועסטע —טאַנצן א ווילדן קאראהאָד, אפּהילך־קלאַנגן פון ארטילעריע־שאָסן שפּילן רעגלמעסיק צום טאקט. פארשידען־קאָלירטע ראַקעטן אילומי־נירן די גערעיכטע פינצטערניש ארום. דער טייך ר., א צעהוידעטער פון ווינט און אויפרייסנ־דיקע מינען ווארפט כסדר אין דער הויך קערפּער־טיילן, שליופּקעס, ביקסן, רוקזעק מיט שטיקער פלייצעס, סאלדאטישע היטלען מיט קעפּ און אָן קעפּ . . .

די הילפס־רופן פון די וואס טרינקן זיך, די געשרייען פון די פארוואונדעטע ווערן פאר־טויבט פון דעם וואָיענדיקן ווינט, עראפּלאנען־געוויש און דעם רעגלמעסיקן „געזאנג" פון אלע מינים טויט־געווערן.

ניט אכטענדיק אויף דעם שטארקן קאלטן ווינט וואס פארגיסט מיט רעגן די אויגן און שטעכט די פּנימ'ער ווי מיט נאָדלען, ניט גע־קוקט אויפן אינטענסיוו־סיסטעמאטישן פייער פון די דייטשן, רוקן זיך די אמעריקאנער טיילן,

שפּאַן נאָך שפּאַן, טראָט נאָך טראָט, פאַר־
אוים . . .

סאלדאטן אין „שליופּקעס"—אזעלכע קליינע שיפלעך פון אימפּרעגנירטן פלאנדעקן־שטאָף, ווארפן זיך אין צעשטורמטע כוואַליעס פון טייך, איבערקערן זיך און ווערן צעריסן פון עקספּלאָ־דירנדיקע מינען, באָמבן, גראַנאַטן און—רוקן זיך פאָראויס . . . איינצעלנע גרופּן דערגרייכן דעם געגנער'ס ברעג, ווערן באגעגנט פון דייטש־שע שפּיזן, ביקס־קאָלבעס, צעהאגלטע מאַשינ־ביקסן, אוטאמאטן וועלכע באשפּייען זיי מיט פינף הונדערט קוילן אין איין מינוט, דאָך, די סאלדאטן קעמפן מיט געווער, מיט האנט־גראַ־נאַטן, מיט פויסטן. די אַטאַקע גייט ווייטער, פאַרביסענער, עשנות'דיקער, העלדישער. נייע טיילן ווארפן זיך אין קאַמף, פיבערהאפט אר־בעטן די סאַפּיארן, אייליק־אָנגעשטרענגט שלעפּן פּראנצוויזן זעק אָנגעפּילט מיט זאַמד, שמאטעס, האָלצ־וואַטע. אויף קליינע שיפלעך ווערן געליינט פּראָוויזאָרישע בריקלעך, הער־מעטיש־פארמאכטע, בלעכענע פעסלעך דער־נענטערן זיך—טראָץ דעם מינען־האָגל און אוי־סערגעוויינלעך־שטאַרקן באָמבן אנגריף — וואקסן אוים נענטער צום ברעג וואו די דייטשע

אפטיילונגען האלטן זיך איינגעקלאמערט. מיט גוואלדיקער אנשטרענגונג. נאך שעה'ן פון אומ־אויפהערלעכן קאמף געלינגט די אמעריקאנער טיילן זיך אדורך צו רייסן און פארנעמען א שמאָלן פּאַס פון דער אנדער זייט טייך.

עס דערהערט זיך דער לאנג־דערווארטע־טער באפעל:—טעינקס פאָרווערד!...

שווערע און לייכטע טאַנקן, פארמאסקירט אין גרינס, זעצן ארויס דעסאנטן, לאַסט־עראָ־פּלאַנען ווארפן אראפּ פאראשוטיסטן אויפ'ן פארנומענעם ברעג. די אמעריקאנער ארטי־לעריע פאָרט צו נענטער און נעמט באארבעטן די שטאט ק. און איר באפעסטיקטע געגנט.

טויזנטער פייער־צונגן פלאַקערן אויף און באלייכטן דעם הימעל און די פינצטערניש ארום. דער טייך ר. איז פאָרסירט, דער וועג צו דער שטאט איז אָפן . . .

די סאניטארן אפּטיילונג, וואו מינע אר־בעט אלס נוירס, געפינט זיך עטלעכע מייל פון טייך. דער אמעריקאנער פערסאנאל, ווי אויך די פראנצויזישע און בעלגישע פרייוויליקע געפינען זיך די גאנצע צייט אויפן פראָנט —

אויף די ערשטע פייער פּאָזיציעס. זיי פאַר־
טיילן ערשטע הילף צו לייכט־פאַרוואונדעטע,
העלפן ארויסטראגן שווער־באשעדיקטע. א
ספּעציעלער טייל פארנעמט זיך מיט אוועק־
נעמען די געפאלענע... מינע איז אין דער ערש־
טער גרופּע. זי לויפט איבער די שוץ־גריבער,
פון יעדער זייט הערן זיך הילפסרופן, קרעכצן,
שטילער געוויין און כאָרכלעריי פון גוסס'דיקע.
זי טוט איר פליכט פון א סאניטאר־שוועסטער,
פאַרזיכטיק, מיט ציטער און ליבע פארבינדט
זי וואונדן, דערלאנגט א שלוק וואַסער, שלעפּט
ארויס פארוואונדעטע פון שוץ־גריבער צום
וועג. אין יעדן איינעם סאלדאט זעט זי איר
באפרייער, איר באשיצער, איר פריינט, איר
דזשעקן . . .

—וואו איז ער איצט? — לויפט דורך א
געדאנק ווי א בליץ—פליט ער איצט אָט דאָ
איבער איר קאָפּ? . . .

נישטא קיין צייט צו טראכטן, דער רויט־
קרייץ אמבולאנס פאָרט צו. זי אָרדנט איין די
קראַנקע און פארוואונדעטע, זעצט זיך מיט זיי
אין וואגן און פאָרט אין דער סאניטארן־
סטאנציע.

די עטלעכע מייל וועג פון פראָנט ביז צום „סאַנטייל“ זענען פול מיט לאסט-אויטאָס, רויט-קרייץ אמבולאנסן, מיט איינפּאַכע, און פערד געשפּאַנטע טראַנספּאָרט-וועגענער, מיט האַנט-טראָג-בעטלעך — אַלץ פירט פאַרוואונדעטע צום שפּיטאָל. טייל האַלטן זיך אונטער קעגנ-זייטיק, אָפּיצירן פירן זייערע באַליבטע סאָל-דאַטן, און סאָלדאַטן—אַליין פאַרוואונדעטע—טראָגן אויף זייערע אַקסלען די באַטויבטע, אָדער שווער-פאַרוואונדעטע קאָמאַנדירן . . .

מינע האָט געזען אויפן פראָנט פאַרשידע-נע טיפּן און כאַראַקטערן, העלדישקייט און שרעק, פּאַטריאָטיזם און גרויל, העראָאיזם און פּחדנות; איר איז אויסגעקומען זען דייטשע טיילן וועלכע האָבן זיך באַוועגט ווי מעכאַניז-מען, ווי מאַשינען, ווי דעמאָניש-צעיושעטע בעסטיעס . . . דאָ אָבער, אויפן וועג צום שפּי-טאָל, זיינען אַלע געווען ענלעך איינער צום אַנ-דערן... יונגע, אַלטע, העלדן אָדער פּחדנים, אָפּיצירן צו געוויינליכע סאָלדאַטן, ווייסע אָדער שוואַרצע, אַמעריקאַנער אָדער פראַנצויזן — אַלע זיינען זיי געווען איצט קינדער, ליידענ-

דיקע מענטשן־קינדער, וויינענדיקע, קרעכצענ־
דיקע, זיפצענדיקע. ביי אלעמען דער זעלביקער
געמורמעל און ליפּן שעפּטשעריי:

— אַ גאט . . .

— אַ מאַמע . . .

זיי זיינען אָנגעקומען אויפן אָרט.

מינע אָרדנט איין אירע קראנקע. זי ווערט באשטימט אין דער גרופּע קראנקן־שוועסטער וועלכע סארטירן שווער פארוואונדעטע, האפּ־נונגסלאָזע און גאנגרירטע. א שוועסטער טוט אלעמען איינשפּריצן „טעטאנוס־סערום", א צווייטע טוט זיי באשיטן מיט קעגן־אינסעקטן פּולווער.

מינע איילט פון צימער צו צימער. די גאנצע געביידע, דער הויף, די קאָרידאָרן זיינען פול מיט קראַנקע, מיט טראָג־בעטלעך. די קראנקע ליגן, רעדן פון היץ, פאנטאזירן פון שאק צושטאנד, כאָרכלען אין אגאניע. א שווערער ריח פון „די־די־טי", כלאָראָ־פאָרם און בלוט שטיקט אין האלדז. די פענצטער זיינען פארמאכט, פארשטאפּט מיט שמאַטעס. פון דרויסן פארמאסקירט מיט ברע־

טער אלם שוין קענן לופט־אנגריפן ... די אמע־ריקאנער דאקטוירים ארבעטן אָנגעשטרענגט, פלייסיק, נאָר רואיק און צילבאוואוסט, יעדער באדינט זיין באשטימטע וואונדן־גרופע. אמ־מערסטן ארבעטן די כירורגן, אויף פראָוויזאָרי־שע, מעכאנישע אפעראציע־טישן ווערן ארויף און אראפגענומען קראנקע, פארוואונדעטע, קאָנטוזשירטע. ס'ווערן ארויסגענומען קוילן שפליטערס, אמפוטירט קערפער טיילן, בא־שמירט בראַנד־וואונדן, איינגעשפריצט ניי בלוט. דאקטוירים און נוירסעס ווייזן העלדיש־קייט, וויסן, איבערגעבנקייט, פאַטריאטיזם, אָפט פארשאַרט אן ארבל א דאקטאר אדער א נוירס און גיבן זייער איגן בלוט פאר א טראנס־פוזיע.

* * *

מינע האט אלץ איבערגעציילט, אלע אוים־סאָרטירט, פאררעגיסטרירט, אבער אפרוען זיך איז נישטא קיין צייט. דער קאמף גייט אָן ווייַ־טער. נייע טראנספאָרטן ווערן געבראכט, די אלטע ווערן אוועקגעפירט אין הינטערלאנד שפיטאלן. די לייכט־פארוואונדעטע, נאָכן בא־קומען הילף, רייסן זיך צוריק צום פראָנט, צו

זייערע טיילן . . . עס פעלן טאַמפּאָנען. מינע און נאך עטלעכע סאניטארנס ווערן אוועק געשטעלט אין א צימער צוצוגרייטן פּראָוויזארישע בינטן, אין די סטעריליזאטארס קאכן זיך אינסטרומענטן. זי שניידט שטיקלעך גאזע, טונקט זיי אין סולפאַנאמידן־פּודער, מאכט פון זיי קליינע טאַמפּאָנען—פראוויזארישע איינלאגן פאר וואונדן. זי טוט די ארבעט שנעל, מעכאניש, אירע פינגער באוועגן זיך פון זיך אליין. איר קאָפּ, איר געדאנק איז פארנומען מיט עפּעס אנדערש . . א גרוים, הייליק געפיל באהערשט איר גאנצן וועזן, אן אינערלעכע פרייד טראגט זיך אין די טיפסטע קעמערלעך פון הארצן. די שטאט וועט אפשר נאָך היינט פאלן . . . דער וועג צום „רייך" איז אָפן . . . עס דערנענטערט זיך פרייהייט, שלום, רו. עס דערנענטערט זיך דער טאג ווען אירע טרוימען וועגן דזשעקן וועלן פארווירקלעכט ווערן . . . זי לאזט שווימען איר פאנטאזיע און בילדער פון פארגאנגענהייט — אין טרוימען וועגן צוקונפט . . .

— — — — — — — — — — — — — —

. . . זי איז ארויסגעשפרונגן פון א לויפנדיקן באַן וואס האט געפירט טראנספּאָרטן פון פּאַריז

קיין אויסשוויץ. ביים שפּרינגן האָט זי זיך אויסגעלונקען אַ פוס. זי האָט זיך געשלעפּט עטלעכע טראָט און געבליבן ליגן ביים עק וואַלד. פראַנצויזישע אונטערגרונד קעמפער האָבן זי דאָרט געפונען. איינער האָט באַטראַכט אירע פיס און טרויעריק געזאָגט:

—לאַ פּראַקטיור—(קנאָכנברוך).

דער קאָמאַנדיר האָט זיך באַראַטן מיט זיינע חברים. איבערלאָזן זי אין וואַלד, זי זאָל אויסגיין פון הונגער האָבן זיי ניט געקאָנט ביי זיך פּועלן, טראָגן און מיטנעמען מיט זיך איז געווען ניט מעגלעך—דער אָרט איז געווען צו געפערלעך. מ'האָט זיך געמוזט היטן פון דייטשן און נאָך מער פאַר די „ווישי'סטן", אָפּטמאָל מוז מען לויפן. וואָס וועלן זיי טאָן מיט אַ מיידל מיט אַ צעבראָכענעם פוס? . . . איינער פון די קאָמאַנדירן, אין לעדערנע הויזן און אַ קורץ רעקל פון אַן אַמעריקאַנער פליער-יוניפאָרם מיט אַ קליין טונקל-בלאָנד בערדל, האָט זיך פויל אויפגעהויבן פון דער ערד, צוגעגאַנגען צו מינען און איר געוויזן מיט די הענט זי זאָל זיך פּרוּוון אויפשטעלן. מיט איין האַנט האָט זי זיך אָנגעהאַלטן אָן אַ בוים, די צווייטע האַנט

אַנגעשפּאַרט אויף זיין אקסעל, זיך אָנגע־
שטרענגט און מיט מי זיך אויפגעשטעלט.

—דער פּוס איז ניט צעבראכן נאָר אויסגע־
לונקען. איך וועל אים צוריק אריינדרייען אין
געלענק. — גוטמוטיק שמייכלענדיק האט ער
ארויסגעזאגט די ווערטער אויף א צעבראָכע־
נעם פראנצויזיש. ער האט א וואונק געטאן,
צוויי חברה האבן זי פעסט אָנגענומען. מינע
האט זיך דערשראָקן. ביז זי האט זיך באוויזן א
דריי צו טאן האט עמיצער א פעסטן דריי גע־
טאן איר פוס, עפּעס האט געקנאקט . . . מינע
האט דערשטיקט אין זיך דעם ווייטיק . . . ער
האט זי גענומען אויף די הענט—ווי מען נעמט
א לייכטן געגנשטאַנד—אוועקגעטראגן מיט
זיך טיפער אין וואלד אריין און אוועקגעלייגט
זי אין אן אויסגעגראבענעם שוץ־גרוב. ער האט
גענומען א ווייס שטיק שטאָף, עס איינגעטונקט
אין אלקאהאל און איר פארבונדן דעם פוס.

—מיר גייען איצט אויספירן א „שטיקל
ארבעט", דאָ וועלן דיך די דייטשן ניט זוכן;
אויף יעדנפאלס אָט האסטו דאָ עטלעכע פילן...
אויב זיי געפינען דיך וועסטו וויסן ווי צו מאכן
א סוף און ניט אריינפאלן אין זייערע הענט א
לעבעדיקע . . . דאָ איז ברויט, צוקער, וואַסער.

אין אונטו וועלן מיר צוריקקומען . . .

אין אונטו זיינען זיי צוריק געקומען. זעט אויס דאס „שטיקל ארבעט“ איז געלונגען. זיי האבן מיטגעבראכט א סך געווער, שפייז, בראנפן, זייף און קליידונג. אלע זיינען געווען צופרידן, טייל האבן אפילו אונטערגעברומט די „מארסעליעזע“. דער קאמאנדיר און דער סאלדאט אין דער אמעריקאנער יוניפארם האבן זיך צוגעזעצט צו איר. דער קאמאנדיר האט אָנגעשטעלט זיין שיין־וואַרפער אויף איר פּנים. דער אמעריקאנער האט געטאַפּט די געשווילעכץ און מיט צופרידנהייט פעסטגעשטעלט:

—ס׳ווערט בעסער.

—ווי הייסטו?—האט דער קאמאנדיר געפרעגט.

—איך הייס מינע,—האט זי געענטפערט קוקענדיק מיט דאנקבארקייט אויף ביידן.

—איך הייס פּיער,—האט דער קאמאנדיר זיך פאַרגעשטעלט,—און דאס איז דזשעק, מיין געהילף. ער רעדט שוואַך פראנצויזיש, דערפאר איז ער אן אויסגעצייכנטער „רעדנער“ מיט די דייטשן, צו זיי רעדט ער מיט גראַנאַטן און מינען . . . ער איז אן אמעריקאנער, ער נעמט אלץ גוטמוטיק. ער האט ליב זיך וויצלען אויף

יענעמס חשבון אבער ער איז א גוטער ברודער.

—טענקיו, מיסטער דזשעק, טענקיו וועריו מאטש—האט מינע אים אויסגעשטרעקט איר קליין ווייס הענטל. דזשעק האט זיך דערפרייט, זיינע אויגן האבן זיך קינדיש צעלויכטן:

—יו ספיק אינגליש?

—יעס־סער!—האט מינע מיט א טרויע־ריקן שמייכל געענטפערט.

—פון וואנען קענסטו ענגליש?

—איך האב אביסל געלערנט. איך האב מיך געגרייט פאָרן קיין אמעריקע. איך בין אבער מיט מיינע עלטערן געבליבן שטעקן אין פאריז . . .

—וואו זיינען זיי איצט, דיינע עלטערן?

—אוועק געפירט אין א קאנצענטראציע־לאגער קיין פוילן . . .

פיער און דזשעק זיינען אנטשוויגן גע־ווארן, פארשטאנען אז זיי האבן אָנגערירט אן אנגעווייטעקטע וואונד. פיערן האט מען אוועק גערופן. דזשעק האט זיך צוגערוקט נענטער. . .

— אנטשולדיק מיר, איך האב נ:ט גע־וואלט ווייטאן . . . זאָג מיר, וואוהין קלערסטו איצט גיין?

מינע האט א זיפּץ געטאן,

—וואוהין זאל איך גיין? כ'ווייס אליין ניט. כ'וואָלט גערן געבליבן דאָ מיט אייך.

—איין פרוי מיט אזויפיל מענער? צו גע־געפערלעך. . .

—ניט געפערלעכער ווי איין אידישקע צווישן אזויפיל „עס־עס־לייט", „ווישיסטן", לאַוואַל־שפּיאָנען און געסטאַפּאָ אגענטן. איך קען וואַשן, קאָכן, נייען. איך האב מיך געלערנט צו ווערן א קראנקן־שוועסטער.

—איך וועל איבעררעדן מיט פּיערן.—ער האט איר דערלאנגט א קעמעלע.—נעם פאר־קעם זיך דיינע האָר, שיינע האָר, פעך־שווארצע, נו, איך נעם דיך אונטער מיין שוץ. צופרידן?...

—אָלרייט! רעד איבער מיט פּיערן. אבער זאג מיר דזשעק, ווי אזוי קומסטו דאָ אהער?

—הער שווארצינקע, דו באהאלט דיין מיי־דלשע נייגעריקייט און לערן זיך אוים פרעגן וואס ווייניקער ביי מיליטער לייט און פאר־טיזאנען. איך הייס דזשעק, דאס איז גענוג, און נאך איין זאך, אזוי לאנג איך וועל זיין דאָ וועט דיר קיין שלעכטס ניט געשען . . . נו, א גוטע נאכט, איך לייג מיך כאפּן א דרימל.

ער האט זי איינגעטוליעט, ווי מען הילט איין א קינד, אין א שווערן מיליטערישן געם־טאַפּאָ שינעל.

—אויב דו וועסט עפּעם דארפן, שלאָף איך דאָ ניט ווייט. מעגסט מיך אויפוועקן.

אזוי איז מינע פארבליבן ביים אונטער־גרונד. דער אטריאד האט זיך פארגרעסערט. ס'זיינען צוגעקומען נייע מענטשן, צווישן זיי אויך פרויען. מינע איז געווען די קראנקן־שוועס־טער פון אטריאד. איר פרייע צייט האט זי אבער געשענקט דזשעקן. זי האט פאר אים געוואשן וועש, באהאלטן א גוטן ביסן. דזשעק האט זיך געזארגט וועגן איר ווי וועגן א יונג שוועסטערל. צוריק קומענדיק אפטמאָל פון שווערע געפערלעכע אונטערנעמונגען, איז ער ניט אוועק רוען ביז ער האט פריער ניט געזען צי מינע שלאָפט, צו זי איז גוט איינגעדעקט. מינע ווידער, פלעגט זיצן און ווארטן מיטן עסן ביז ער איז צוריק געקומען. זי איז אים געטריי געווען ווי א מענטש וואס פילט און פארשטייט אז אים האט זי צו פארדאנקן איר לעבן. . . מיט ליבשאפט פלעגט זי אראָפּציען פון זיינע מידע

פים די שטיוול, וואַשן זיינע זאַקן. אז ער פלעגט אוועק גיין איז זי געשטאַנען ביים עק פון וואַלד אזוי לאַנג ביז זיין סילועט איז פולשטענדיק פארשוואונדן פון האָריזאָנט. פון ברעקלעך שמועסן, ווערטער, פראַזן האָט זי זיך דער־וואוסט איינצלהייטן וועגן אים. ער איז א פליער וואס איז אראָפּגעפאלן (אדער מען האָט אים ספּעציעל אראָפּגעלאָזט) ארום פאריז צו העלפן ארגאַניזירן די ווידערשטאַנדס־באַוועגונג. אַלע האָבן אים ליב באַקומען פאַר זיין הומאָר, שטאַרקן ווילן, דרייסטקייט, באַזונ־דערס פאַר זיין אויסגעצייכנטן וויסן אין טאָפּאָ־גראַפיע און סטראַטעגיע; פאַר זיין קענען צו־גרייטן אויפרייס־מעכאַניזמען, בראַנד־פלאַשן און קליינע, פרימיטיווע, אָבער גוט ווירקענדי־קע האַנט־גראַנאַטן . . .

איין מאָל איז דער אַטריאַד אוועק אויפ־רייסן א באַן־ליניע. דאָס האָט געמוזט דורכגע־פירט ווערן בליץ שנעל, געציילטע מינוטן פאַרן דורכפאָרן פון א טראַנספּאָרט מיט דייט־שע סאָלדאַטן קיין רוסלאַנד. די אונטערנעמונג איז געווען א געפערלעכע, ווייל דער גאַנצער

וועג ארום דער באן־ליניע איז געווען שטרענג און געדיכט באוואכט.

פיער האט איינגעטיילט דעם אטריאד אין צוויי גרופן. ער מיט איין טייל האט זיך פאר־נומען מיט „אפווישן אויף קאַלט" די באוואַ־כונג, דזשעק האט אויפגעריסן די ליניע און אונטערגעלייגט א זייגער־באָמבע, אין עטלעכע מינוט ארום איז דער טראנספּארט אראפּ פון די רעלסן און איבערגעקערט עטלעכע וואַ־גאָנען. די זייגער־באָמבע האט צעשמעטערט די אונטערשטע גאנצגעבליבענע וואגאנען. שנעל־ארויסגערופענע הילפס אפטיילונגן האבן גע־נומען פארפאָלגן און יאָגן דעם אטריאד. פיער און דזשעק האבן דאס געהאט פאָראויסגעזען.ביים אפטרעטן האט דער אטריאד מינירט אלע סטעזשקעס און וועגן צום וואַלד. די דייטשן האבן גענומען זיי פארפאלגן מיט עראפּלאנען.

שפעט ביינאכט, נאך לאנגע שעה'ן לויפן, האט דער אטריאד צוריק געקערט. צוויי האבן געפעלט, פיר זיינען געווען פארוואונדעט. אויך דזשעק איז געווען לייכט פארוואונדעט.

דעם אוונט, רעדנדיק פון היץ, האט דזשעק אויסגעזאגט א סוד וואס ער האט גע־טראגן אין זיך שוין חדשים. ער האט גע־

האלטן אין איין רופן: מאַמע, מאַמע, און —
מינע . . .

מינע האט ניט אפגעטראטן פון אים. זי האט פארבונדן די וואונדן פון די אנדערע פאר־וואונדעטע און זיך שנעל צוריק געקערט צו אים, געווישט זיין הייסן שטערן מיט א נאַסן האנד־טוך, באנעצט זיינע פארברענטע, טרוקענע ליפן, געגלעט זיינע האָר, געטוליעט זיין גליענ־דיקן קאָפּ צו איר ברוסט... אויך זי האט דער־פילט ווי טייער, ווי נאענט, ווי ליב זי האט איר רעטער, איר באשיצער, איר דזשעק.

א י ר דזשעק . . .

עס איז געקומען דער גרויסער טאג ווען די אַלאַירטע האבן געלאנדעט אין פראנקרייך. די דייטשן זיינען געלאָפן פון פאַריז, פון בעלגיע און זיך באפעסטיקט ביים רהיין. די אמעריי־קאנער ארמיי האט פארנומען פאַריז. דאס פראנצויזישע פאָלק האט געיובלט! שטורמיש באגריסט אירע באפרייער.

דזשעק האט זיך געמאָלדן צום פראָנט־שטאַב צוזאמען מיט פיערן און דעם גאנצן אונטערגרונד־אטריאד. דזשעק איז גלייך צוגע־

טיילט געוואָרן צום „עיר קאָרפּוס", פּיער און זיינע חברים זיינען אוועק אין די פראַנצויזישע טיילן. דזשעק און מינע האָבן זיך געווענדט מיט אַ בקשה, אַז מען זאָל זי נעמען אַלס אַ געהילפס-נוירס. זי איז צוגעטיילט געוואָרן צו אַ סאַניטאַר-אָפּטיילונג וועלכע האָט זיך געפונען ביים „עיר קאָרפּוס" וואו דזשעק האָט געדינט. זיי האָבן זיך איצט זעלטן וועגן באַגעגנט. זי האָט אָבער ביי יעדער געלעגנהייט דערהאַלטן פון אים בריוועלעך און גרוסן דורך זיינע חברים.

אין דער צייט פון גרויסע קאַמפן איז איר האַרץ געווען פול מיט אומרו, מיט שרעק פאַר זיין גורל, מיט זאָרג וועגן זיין געזונט און לעבן. . . ווען זי האָט געזען אַ קאַמף אין דער לופטן, אַן אַראָפּפאַלנדיקן עראָפּלאַן, האָט איר האַרץ געציטערט. זי האָט אין גאַנצן אויפגעצאַפּלט. וואו מ'האָט געבראַכט עפּעס אַ פליער צווישן די פאַרוואונדעטע, איז זי געווען פון די ערשטע אים צו באַדינען, אים צו העלפן, יעדער פליער איז פאַר איר געווען אַ טייל פון איר דזשעקן, זיינס אַ ברודער. יעדער פליער—האָט זיך איר אויסגעדאַכט—האָט ערגעץ געראַטעוועט אַ מיידל וואָס הייסט מינע, וואָס האָט ניט

אויף דער וועלט קיינעם א חוץ אים . . .

אז ס'איז געקומען אַן אָפּיציר און פון איר אפּטיילונג פארלאנגט עטלעכע נוירסעס צום פראָנט־שפּיטאל, האט מינע זיך געמאָלדן פריי־וויליק. זי האט געוואלט זיין נענטער צו אים.

— — — — — — — — — — — — — —

היינט איז מינע רואיקער. דעם טייך איז מען אריבער. זי האט געזען די קראנקן־ליסטן, נאכגעקוקט די בעטלעך פון פארוואונדעטע, דעם צעטל פון געפאלענע — ניטא קיין פלי־ערם . . . הייסט עס, דאס געפערלעכסטע פייער איז ער איבערגעקומען. ער לעבט, ער וועט צוריק קומען. אָ, ווי איבעראשט וועט ער זיין זי דאָ צו טרעפן . . .

איר פאנטאזיע שפינט ווייטער. . .

. . . די מלחמה וועט זיך ענדיקן אין גיכן. אָט, אָט, און פראנקפורט וועט פאלן, דערנאָך בערלין. זיי וועלןביידע—וואס וועלן זיי טאָן ביידע? . . . וועט זי צוריק פאָרן קיין ראַדאָם? ווען האט זי איצט אין ראדאם? זי איז אוועק פון דארט אין 1938, מיט אירע עלטערן, קיין פאריז. די עלטערן—ווער ווייסט צו זיי לעבן? די מאמע—זיכער ניט, מיט איר נערוון־שוואַך

הארץ אין קאנצענטראציע לאַגער . . . זי וועט אוועק, אוועק מיט אים קיין אמעריקע. דאָרט זיינען זיינע עלטערן, דאָרט איז איר מאמע'ס איינציקע שוועסטער. דזשעק וועט ווייטער לערנען. ער וויל ווייטער לערנען און ווערן אן אינזשיניער. און זי—זי וועט ארבעטן אין א שפיטאל. די פראקטיק דאָ וועט איר צונוצ־קומען. זיי וועלן האבן זייער היים. זיי וועלן האבן גוטע פריינט . . . און שפעטער—וועלן זיי האבן א קינד. . . א קליין זים אינגעלע, מיט טיף־בלויע אויגעלעך, דינ־סאמעטענע טונקל־בלאָנדע האָר—א קליינער דזשעק, ווי צוויי טראָפּן וואַסער ענלעך איינער צום צווייטן . . . ניין, האָר וועט זייער אינגעלע האבן שווארצע, פעך־שווארצע, אירע האָר. דזשעק האט דאך איר איין מאל געזאגט:

—דיינע האָר, שווארצינקע, באצויבערן מיך. זיי שמעקן ווי קאָרן. איך האב ליב די לאָקן דיינע, די פעך־שווארצע . . .

— — — — — — — — — — — — — —

א סארזשענט פון רויטן קרייץ רופט אוים נעמען פון נוירסעס, צווישן זיי דעם נא־מען: מינע. זי כאפּט זיך אויף ווי פון שלאָף

זי נעמט איר רויט־קרייץ טאָרבע און לויפט צוזאמען מיט די איבעריקע אין הויף אריין.

מיט עטלעכע מינוטן שפעטער זיצט זי שוין אין אן אמבולאנס מאשין וועלכע פאָרט אין דער ריכטונג פון שטאט. די לופט ציטערט, די שטאט איז איינגעהילט אין פלאַמען, רויך־נעפל. ריזיקע רעפלעקטארן, פלאַמען־וואַרפער, ראַקעטן זוכן פיינטלעכע עראפלאנען. די דייטשן, געצוואונגען אפצוטרעטן פון שטאט אונטערן דרוק פון די אמעריקאנער, צינדן אונטער זייערע שפייז און אמוניציע לאַגערן. קליינע צעקלאפטע גרופן דייטשן שיסן פון באהעלטענישן, ווארפן גראנאטן. זייער ארטי־לעריע הערט ניט אויף צו האָגלען. זייערע פליער באשיסן, באָמבירן יעדן פונקט וואו זיי באמערקן באוועגונג פון אמעריקאנער. צוליבן שטאַרקן קעגנזייטיקן פייער איז אוממעגלעך פאר די אמבולאנס־אויטאס ווייטער צו פאָרן. זיי בלייבן שטיין אויף א מאסקירטן פלאץ. די נוירסעס שטייגן אויס און לאזן זיך פאַרזיכטיק „שלענגלען אויף אלע פיר" קריכנדיק נאך זייער אפיציר. זיי קומען אָן צו אן אפענעם פלאץ וואו ס'ליגן פארוואונדעטע און טויטע. מינע נעמט ארויס איר שער, וואַטע, בינטן,

יאָד. זי טאַפּט פולסן, גיט ערשטע הילף, רופט סאניטארן וועלכע טראגן ארויס די פארוואונ־דעטע. פלוצים באווייזן זיך ראַקעטן און באַ־לייכטן דאס פעלד. באלד דערנאָך א געדרויש פון „יונקערס" און „מעסערשמידטס". דער אפיציר גיט באפעלן:

—זיך אוועקלייגן! אויסציען אויף דער ערד! פארמאסקירן זיך! ניט באוועגן!...

באַמבן נעמען פאלן און טרעפן גאָר נאענט. מינע ליגט און האלט איין דעם אטעם. — ניט באוועגן זיך, — קלינגט איר אין די אויערן דעם אָפיציר'ס באפעל. מיט געציילטע סעקונדן שפעטער דערהערט זיך א שיסע־ריי אין דער לופטן. מינע הויבט אויף דעם קאָפּ. אמעריקאנער פליער אטאקירן די דייטשן. ווי־פיל זיינען זיי? פינף! צען! מער! ווער קען זיי דען איבערציילן? די אמעריקאנער רינגלען זיי ארום. די דייטשן ווארפן שוין זייערע באַמבעס סתם אין דער וועלט אריין. זיי צילן שוין מער ניט, און אָט ציען זיי זיך צוריק אין אומאָרד־נונג. א שווערער מעסערשמידט צינדט זיך אָן, נעמט רויכערן און קראכט אריין אין א הויז. די אמעריקאנער יאָגן נאָך די דייטשן, בלויז צוויי קעמפן נאָך, קעמפן פארביסן. דער „יונ־

קערם" איז שוין דורכגעלעכערט אבער ער טרעט ניט אפּ. אויך דער אמעריקאנער נעמט רויכערן. ער דערנענטערט זיך האַסטיק צום „יונקערס", א שרעקלעכער אויפּריים — אוןביידע עראָפּלאנען פאלן אראפּ ניט ווייט פון פעלד וואו ס'ליגן די פּארוואונדעטע. דער גאנ־צער פערסאנאל לויפט צו הילף; שנעל ווערן פּארלאשן די פייערן. מ'שלעפּט ארויס פון דער קאבינע א טויטן דייטשן „אָבערסט" (קאָלאָנעל). זיין פּנים איז האלב פּארסמאַליעט, אויף זיין בּרוסט הענגט אן „אייזערנער קרייץ" און אנדערע נאַציישע אויסצייכנונגען. דער שיסער פון דייטשן עראפלאן איז צעריסן, מ'קען קיין פּנים ניט דערקענען. פון צווייטן עראפּלאַן שלעפּט מען ארויס אן אמעריקאנער סאר־זשענט. זיינע פינגער זיינען אזוי פעסט איינ־געקלאַמערט אין הענטל פון מאַשין, אז ס'איז שווער אים אפּצורייסן. זיין קאָפּ, פּנים, און האלדז איז איין בלוט מאַסע. צום סוף שלעפּט מען ארויס דעם טויטן קערפּער פון פליער, אין יוניפאָרם פון א לייטענאנט. עמיצער נעמט אראפּ פון זיינע אויגן די ברילן און דאס פליער היטל. דער ווינט צעבלאָזט זיינע טונקל בלאָנ־דע, מיט בלוט-באפלעקטע האָר. . .

א האַרץ רייסנדיקער יאָמערדיקער געשריי שניידט דורך די לופט:

--דזשעק! . . . מיין דזשעק! . . .

— — — — — — — — — — — — —

א גרויער פרימאָרגן. די שטאָט איז געפאַלן. די דייטשע טיילן טרעטן אָפּ אין אומאָרדנונג, צעקלאַפּטע און דערשלאָגענע. הונדערטער־טויזנטער זיינען גענומען אין געפאַנגשאַפט. די אמעריקאַנער, פראַנצויזן, בעלגיער און אנדערע גראַטולירן זיך, יובלען. א פריידיקע מוטיקע שטימונג הערשט אין אלע טיילן. אויך די קראַנקע און פאַרוואונדעטע זיינען פול מיט פרייד.

—די שטאָט איז געפאַלן! דער טויער צום רייך איז אָפן!

בלויז איין נוירס איז טרויעריק. איר בליק —אויסגעלאָשן מאַט, פון איר פּנים איז פאַרשוואונדן יעדער טראָפּן בלוט. אין דער איינער נאַכט איז איר קאָפּ שוואַרצע לאָקן גרוי געוואָרן . . . די שטאָט איז געפאַלן, און מיט איר איז געפאַלן איר אויסגעבענקטע, אויסגעטרוימטע צוקונפט. איר ריינע ערשטע ליבע—איר דזשעק.

א י ר   ד ז ש ע ק . . .

# א קינד ווערט געבֿוירן

עפּיזאָד פון אידישן לעבן
אין די „ד. פּ.״ לאַגערן.

גבריאל און לאה ווייסמאן
(שטעטין־פּאָמערן)
א מתנה

# א קינד ווערט געבוירן

פייגעלע האט זיך קיין אָרט ניט געקאנט געפינען. דער רוקנביין איז געווען בלייאיק־שווער און האט אומאויפהערליך געוויטיקט. זי איז אויפגעשטאַנען פון פעלדבעטל און פּאַמערלעך, אנהאלטנדיק זיך באם בעטל־ראנד, גענומען שפּאַנען איבער׳ן קעמערל.

סיסטעמאטיש, יעדע 15־20 מינוט, האט איר א קניפּ געטאן אין בויך. א שווערע מאַסע האט געדריקט און געצויגן אויף ארונטער. אירע זיפּצן און קרעכצן זיינען געווארן אָפטער, העכער און לענגער. די גאנצע באראקע האט געוואוסט:

—א פרוי גייט צו קינד. . .

שלמה קאָרנבליט, פייגעלע׳ס מאַן, א יונגערמאן ארום פערציק, וועלכער האט זיין ערשטע פרוי און דריי קינדערלעך פארלוירן אין ווילנער געטאָ, האט נערוועז געשפּאַנט אין לאַנגן באַראַקן־קאָרידאר. וואס זיין הארץ האט איצט געפילט האט זיך אפגעשפּיגלט אויף זיין פנים. צער און טרויעריקע דערמאנערונגען וועגן

זיין ערשטע אומגעקומענע פרוי און קינדער־לעך, אומרו און פּאַטערליכע זאָרג וועגן זיין פייגעלע'ן — זיין ערשטער פרוי'ס איינזאַם פארבליבענע שוועסטער, וועלכע ער האט גע־פונען נאָכ'ן קריג און מיט איר חתונה געהאט, שרעק און אומגעדולד וועגן אויסגאנג פון דער געבורט . . .

די קראנקן־שוועסטער איז גלייכגילטיק צו פייגעלע'ס קרעכצן. אדרבא, זי איז צופרידן וואס דער ווייען־פּראָצעס שטאַרקט זיך און ווערט אָפטער. דאס הייסט: אלץ גייט צו נאָר־מאל. זי גרייט צו אירע אויסגעקאָכטע גומי־הענטשקעס, שערלעך, נאָפּל־פינצעטן, בינטן.

פייגעלע פילט, אז אויף די פיס קען זי מער ניט שטיין און אויך ניט קניען. די ליטקעס פארשטייפן זיך ביי איר קראַמפּהאפטיק. די ווייען ווערן שטארקער, זי וויינט שוין ניט און קרעכצט מער ניט — זי שרייט . . .

די שוועסטער לייגט זי אוועק אויפן בעט. פייגעלע קלעמט איין אירע פינגער אין א שנור, וואס איז צוגעבונדן צום עק בעט. טויזנטער גע־דאנקען קומען איר אין קאפּ. איבערלעבונגען שווימען פאר אירע צוגעמאכטע אויגן . . . איר שטעטעלע גראָדנע, איר יוגנט, אירע טאַטע־

מאַמע, אירע שוועסטער—אַלץ פלאָנטערט זיך אין אירע געדאנקן. זי הערט דעם רויש פון געזאנג—איר מאמעס געזאנג, צונויפגעמישט מיטן לעצטן אויסגעשריי פון איר פארפייניגטן טאַטן, זי הערט דאס כליפּן פון איר מאמען, ווען זי ווערט אפּגעשיקט „מיטן טראנספּאָרט". די ווייען נעמען ארום איר גאנצן קערפּער. עס דריקט און קלעמט איר אונטערן הארצן... עס פעלט איר אטעם, לופט. זי קען מער ניט שריי־ען. גרויסע טראָפּנס קאַלטן שווייס טרעטן איר ארוים אויפן שטערן. די קראנקן־שוועסטער ווישט מיט א נאַס טוך איר שטערן און פּנים. די ווייען האבן א רגע נאָכגעלאָזט. פייגעלע אטעמט טיף, טרינקט א שלוק קאַווע און פרעגט שטיל מיט מיד־פארמאכטע אויגן:

—ווי לאנג נאָך?... כ'קען מער ניט אויס־האַלטן...

זי וויינט. גרויסע, הייסע טרערן פאַלן אויף אירע אויסגעבלייכטע באַקן, אויף איר דאַרן, אויסגעמאטערטן האלדז:

—וואו איז מיין מאן?... זאל ער אריין קומען צו מיר... כ'בין אזוי שוואַך.

—וויינט ניט, פריינדין,—זאגט די שוועס־טער—א שאָד די כחות. באהאלט די כחות

אויף שפּעטער, איר זאָלט קענען בעסער שרייען . . . אייער מאַן איז דאָ, הינטער דער טיר. ארײַנלאָזן אבער קען איך אים ניט. דאָס קעמערל דאָ איז צו קליין, צו ענג.

דער שוועסטער האָט ווײַ געטאָן דאָס האַרץ, וואָס זי קען ניט דערפילן פייגעלע׳ס פאַרלאַנג. זי האָט אבער געהאַט א שטרענגע פאַראָרדנונג פון דאָקטאָר קיינעם ניט ארײַנצולאָזן צו דער געווינערין, אויסמײַדן אויפרעגונגען און געשפּרעכן, ניט אַפּלאָזן זי פון די אויגן אויף קיין איין רגע, און וויבאַלד עפּעס —גלײַך געבן שטאַרקונגס-מיטלען . . .

פייגעלע האָט דער שוועסטער׳ס ענטפער שוין ניט געהערט. די ווייען האָבן זי ארומגענומען אויפסניי. ווידער האָט זי גענומען שרײַען:

—מאַאַאַמע! . . .

עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אז זי איז אינדערהיים, אין איר שטיבעלע אין גראָדנע, אָט זײַנען די מאַמע, די שוועסטער, די קינדערלעך.

—מאַמע, מאַמע העלף מיר! — האָט זי מיט די לעצטע כחות געשריגן.

—מאַמעניו! . . .

די קראנקן־שוועסטער, זעענדיק ווי פייגע־לע פארלירט דעם אטעם און דער פולס ווערט אלץ שוואכער, האט שנעל צעעפנט די טיר און אויסגעשריגן:

—שנעל דעם דאקטאר! דעם דאקטאר!

און ניט ווארטנדיק אויפ'ן דאקטאר, האט זי שנעל געגעבן פייגעלען א קארדיאזאל איינ־שפריצונג.

ווען דער „אונרא" דאקטאר — אן עסט־לענדער— איז מיט שלמה'ן אריינגעקומען אין קעמערל, זיינען שוין פייגעלעס אויגן געווען אָפן, נאָר איר בליק איז געווען אזוי מאַט און אומקלאָר, אז שלמה האט מיט שרעק געפרעגט:

—פייגעלע קרוין, זעסטו מיך? . . .

מיט א קוים־דערהערבארע שטימע, מורמ־לענדיק, האט פייגעלע געבעטן:

—מאַמע, פארוואס קומסטו ניט אריין? . . .

וואו ביסטו, מאַמע? העלף! . . .

דער דאקטאר האט ערנסט געטאַפּט איר פולס, צוגעלייגט זיין אויער צו איר הארץ, און שאָקלענדיק טרויעריק מיטן קאָפּ, א זאג גע־טאָן:

—א שווערע געשיכטע . . . נאַרקאָזע קען מען איר ניט געבן, זי איז צו שוואך. . .

דער דאקטאר האט איר איינגעשפריצט א האָרמאנען־פּרעפּעראט, וואס ווירקט אויף די ווייען־שטארקונג, און אפּוואשענדיק די הענט אין וואַסער־בעקען האט ער גערעדט צו שלמה'ן:

—הערט, פריינט קאָרנבליט! א דאקטאר איז ניט קיין וואונדערמאַכער, ניט קיין מלאך. אייער פרוי, ווי ביי דער מערהייט קאַצעט־פרויען, איז די נערוון־סיסטעם, דער אלגעמייי־נער געזונט־צושטאַנד צעשעדיקט. איך האב זי געווארנט, געבעטן זי זאל זיין פארזיכטיק מיט שוואנגערשאפט. זי האט מיך ניט געהערט.

—איך וויל א קינד און וועל האבן א קינד, —האט זי מיר געענטפערט. איך האב איר אויפגעוויזן פּראקטיש, אז ס'איז ניט ריכטיג אין „די פּי" לאגער צו האבן א קינד, איצט, ווען איר זענט אָן א היים, אָן פּערספּעקטיוו. זי האט מיך געענטפערט:

—אויך מיין מאַמע האט מיך געבוירן אין א שווערער צייט, אין ערשטן וועלט־קריג, אין צייט פון רעוואָלוציע און הונגער, דאך האט זי מיך דערצויגן. אויך איך וויל דאס קינד געבוירן און דערציען.

אזוי האט זי מיר געזאגט. וואס האב איך געקענט טאן? מיט צוואַנג איר אן אבאָרט מאכן? איצט איז איר לעבן אין געפאר. . .

דער דאקטאר האט געענדיקט וואַשן זיינע הענט.

—איך גיי אָנציען מיין ווייסן קיטל און כ'קום באלד צוריק!—האט דער דאקטאר געזאגט.

שלמה האט ניט געהערט דעם דאקטארס ווערטער, ניט געזען ווי ער איז אוועק. ער איז געשטאַנען ווי א צוגעוואקסענער צום באָדן. מיטביידע הענט האט ער זיך געהאלטן פארן קאפּ, אין די געהירן האט עפּעס זיך צעקאָכט, געזאָטן, געראַנגלט, זיך געבונטעוועט, ניט געוואלט זיך אונטערגעבן, ניט געוואלט מסכים זיין:

—ניין! איך גיב זי ניט אויף, ניט זי, ניט דאס קינד! זיי מוזן ביידע לעבן! . . .

איצט, נאכדעם ווי זיי האבן אלץ און אלעמען פארלוירן . . . איצט אונטערגיין? . . . ניין . . .

ער לויפט אריין אין קעמערל, שטופּט אוועק די קראנקן-שוועסטער, קניט אנידער ביים בעטל. ער נעמט מיט ביידע הענט פייגע-

לע'ם קאָפּ, דריקט זי, טרייסלט זי און שרייט:

—פייגעלע! גיב זיך ניט אונטער! דו טראָגסט א קינד אונטער'ן הארצן, א לעבעדיק אידיש קינד, אָונדזער קינד, אונדזער טרייסט און האפנונג. פייגעלע, עפן דיינע אויגן! לעב! פייגעלע קרוין, שענק מיר דאס קינד . . . גיב זיך ניט אונטער . . .

פייגעלע האט געעפנט די אויגן און, שווער קרעכצנדיק, געמורמעלט:

—א דאנק דיר, טאַטע, פאר די מוטיקע ווערטער. רעד ווייטער. . . איך האב געפילט, טאַטע ליבער, אז דו ביסט ביי מיר, אין מיר. . . כ'וועל לעבן,—כ'וויל לעבן . . . אוי, האלט מיך פעסט פאר די הענט. . . העלף מיך שרייען . . .

פייגעלע האט מער ניט גערעדט. די באקן האבן זיך גענומען רויטלען, ווי דאס גאנצע בלוט פון איר שוואכן קערפער וואלט זיך פארזאמעלט אין איר פּנים. די הארמאָנען־אינזעקציע האט אנגעהויבן ווירקן. די ווייען זיינען געקומען אזוי פּלוצלונג און שטארק, דער לעצטער שטוים אזוי מעכטיק און אומ־דערווארט, אז ביז די שוועסטער האט באוויזן זיך צו אָריענטירן, האט אין קעמערל זיך דער־

הערט א געשריי . . . דער געשריי פון א נײַ־געבוירענעם . . .

די שוועסטער האט פאַרזיכטיק, מיט גע־שיקטקייט, געטאן איר פליכט: איבערגעשניטן די נאָפּלשנור, געבאדן דאס קינד, געוואויגן און געוויקלט. פייגעלע האט געעפנט די אויגן:

—וואו בין איך אין דער וועלט? שלמה, וואס ווײַנסטו? הערסט, טײַערער, ס'האט זיך מיר גע'חלומ'ט אז כ'שטארב, און טאַטע־מאַמע האבן מיך געראטעוועט. כ'בין אזוי שוואַך . . . וועט עס נאָך לאַנג דויערן?

די קראנקן־שוועסטער האט א צעשמייכל־טע איר צוגעטראגן א לעבעדיק נפש'ל, איינגע־וויקלט אין א ליילעך, און געזאגט:

—מזל טוב אײַך! מזל טוב צו אײַער גע־זונט, קרעפטיק, זעקס־פונטיק מיידעלע . . .

—אוי, א מיידעלע? — האט פייגעלע זיך צעוויינט, — טאַקע? שלמה, מײַן שוועסטער איז ווידער געבוירן . . .

— — — — — — — — — — — — — —

דער דאקטאר מיט אן אסיסטענט, ביידע אין ווײַסע קיטלען, מיט געניקאָלאַגישע צוואַנ־גען און אנדערע מעדיצינישע אינסטרומענטן

אין די הענט, זיינען אריינגעקומען אין קעמערל און געבליבן שטיין פארגאפטע:

—אומגלויבלעך. עס איז ניט צו פארשטיין מיט וועלכע פיזישע כחות זי האט דאס קינד געבוירן און געבליבן לעבן . . .

דער פארזיצנדער פונם לאגער־קאמיטעט, חבר וואקס, איז אריינגעקומען ווינטשן מזל טוב דער פאמיליע קארנבליט. הערנדיק דעם דאקטארס באמערקונג, האט ער אים געענט־פערט:

—לויט די לאגיק אין אייער חכמת המע־דיצין איז עס אויך ניט צו פארשטיין, ווי אזוי אונדזער אידיש פאלק, נאך אזא ליידנס־וועג און אזוי פיל פייניקונגען, ווי אזוי מיר לעבן נאך. . . דאך, מיר האבן געלעבט, איבערגע־לעבט און וועלן לעבן . . .

שלמה און פייגעלע האבן ניט געהערט דעם שמועס צווישן ח' וואקס און דעם דאק־טאר. פייגעלע האט אפילו ניט געפילט די ווייען פון נאכגעבורט. ביידע האבן מיט ליב־שאפט געהערט די שענסטע טענער, די טענער פון לעבנס־געזאנג—דאס שרייען פון זייער נײַ־געבוירן מיידעלע . . .

דאס האלב־פינצטערע ענגע באראקן צי־
מערל האט זיך אָנגעפילט מיט ליכט, מיט
פרייד, מיט קינדער־געוויין, וואס האט דער־
מאָנט די אלטע גוטע היים און אָנגעזאגט א
ניי לעבן, א נייע צוקונפט.

# אסתר

—ווען דאס בלוט פון דיין קרבן איז קיל,
און דאס קול וואס דו ליבסט איז שוין שטיל —
זיי דאך שטאָלץ, סיאיז דיין קינד ניט קיין מת
כיהאב געשמייכלט ביים טויט—ניט פארגעס!...

—לאָרד בייראן (יפתחים טאכטער).

# אסתר

צען לעבעדיקע סקעלעטן מיט צעקנייטש־טע, איינגעפאַלענע פּנים'ער, מיט בלאַסע, שפּיציק־שאַרפע נעז, בלוי־פארטריקענטע ליפּן און אַדערדיקע העלזער, לעבן אין איין באַראַק.

די גלאַט־אָפּגעגאָלטע קעפּ, די געשטרייפּטע שטראָפלינגס־קליידער, די ביינערדיקע פיס מאכן זיי ענלעך צו פאר'כשופ'טע זקנות, באַוועגעדיקע געשפּענסטער, און נאָר דאס פינקעלדיקע פיבער־פייערל אין זייערע ניט אויסגעלאשענע אויגן זאגט עדות, אז דאס זיינען נאך לעבעדיקע מענטשן.

די עלטסטע פון די „זקנות" איז אלט זיבן־און־צוואַנציק יאר . . . די אנדערע זיינען פון זעכצן ביז פיר־און־צוואַנציק. דאָ, אין קאצעט, וואו מענטשן פאַלן הונדערטערווייז פון בייטשן־שמיץ, פלעק טיפוס, הונגער און שווערער, אויסמאטערנדיקער ארבעט; דאָ, ווען יעדע שעה קען קומען א „סעלעקציע"—אפּצוקלייבן אזוי פיל און אזוי פיל פאר „עקספּעריִמענטן" פאר די זייף־פאַבריקלעך אין גאַז־קאַ־

מערן, איז יעדער טאג—א יאר, יעדע וואָך—א יובל, יעדער חודש — אן אייביגקייט, און קיין איינע פון די אנדערע ניין פרויען האט אפילו ניט געחלומט אז זיי וועלן דערלעבן אזא טיפן עלטער ווי די זיבן־און־צוואַנציק־יעריקע . . .

די צען פרויען זיינען צוזאמענגעטריבן געווארן דאָ אהער פון צען פארשידענע לענדער, און גערעדט אויף פיר פארשידענע שפראַכן. יעדע האט מיטגעבראכט איר אייגנ־ארטיקע דערציאונג און איר ספעציפישן כאַראקטער; אבער דער שותפתדיקער גורל, דער געפיל אז זיי געהערן צו איין שטאַם, איין פאָלק, דער באוואוסטזיין אז זיי זיינען אלע גלייך פאַראורטיילט צום אונטערגאַנג—האט זיי אלעמען דערנענטערט און פארשוועסטערט.

די ארבעט איז געווען א שווערע, מיט יעדן טאג זיינען זייערע העלדזער געווארן אויסגעצויגענער, דאס הוסטן—שטאַרקער, און דאס אטעמען—שווערער. דער רויך פון קרעמאַטאָריום האט מיט זיין איבלדיק־עקלדיקן געשטאַנק גערייצט די נאָז־לעכער און זיי דערמאָנט אז, אָט קומט זייער ריי. . . די קוימענס

האבן זיי צוגעוואונקן:

—מיר ווארטן אויף אייך! . . .

איינע פון די פרויען האט אבער זיך ניט געוואלט אונטערגעבן, און זי האט כסדר גע־מוטיקט, געוועקט, גערופן:

—האַלט זיך! נאָך א שעה! נאָך א טאג...

די איינע איז געווען אסתר. זי האט די פרויען אָנגעפילט מיט נייע קוואַלן פון לעבנס־ווילן און דערוואַרעמט אין זיי פאַרפרוירענע געפילן פון האָפנונג און גלויבן. הענט האבן קראַמפּהאַפטיק געהאלטן אייזענס און שטיי־נער, אקסלען האבן אָנגעשטרענקט געטראָגן לאַסטן. קני און פּיס האבן זיך שנעלער באוועגט און מיילער (אָ, גאט, מיט וועלכע כחות?) האבן געזונגען . . . הונגעריקע, היים-אַטעמדי־קע, פיבער־ברענענדיקע ליפּן האבן געזונגען:

„כיהיים ישראליק כיבין א קינד פון געטאָ
כיהיים ישראליק—א הפקרידיקער יונג;
כאָטש פאַרבליבן גאָלע געטאָ—
גיב איך אלץ נאך א סוויסטשע און א זינג!"

דאס לידל האט געשטאַמט פון ווילנער געטאָ. אסתר, וועלכע האט עס אַפּט געזונגען, האט אויך געשטאַמט פון יענע געגנטן, אירע ברייטע אקסלען, איר הויך־געוואוקסיקע גע־שטאַלט און גרויסע שטענדיק־לאַכנדיקע קלוגע אויגן האבן דערציילט פון איר אַמאָליקער שיינ־קייט. די פּאליאקן און ליטווינער האבן איר טאַטע־מאַמע אוועק גענומען, די דייטשן האבן אויסגעצאפּט פון איר קערפּער דאס געזונט. זיי האבן אבער ניט געקענט ארויסציען פון איר הארץ דעם שטארקן גלויבן אין איר פאלק, די ליבע און אמונה אין איר גאט . . .

די פרויען האבן קיין סך וועגן איר ניט גע־וואוסט; ווייניק צייט געווען זיך צו דערציילן קעגנזייטיק פון פארגאנגנהייט. דאָך, אז מען האט זי געפרעגט:—פון וואַנען זי קען אזויפיל אידישע און העברייאישע לידער, האט זי שטענדיק געענטפערט מיט שטאלץ:

—איך בין געווען א שילערין פון א ווילנער אידישער פאָלקס־שול . . .

אסתר איז געווארן פאר די ניין א לערערין, אן עלטערע שוועסטער. אין שווערע מאַמענטן האט זי געטרייסט, געמוטיקט. זי

האט פאר זיי געפונען א קאַרטאָפל, א שטיקל קרויט. ביי שווערער ארבעט האט זי אונטער־געשטעלט איר אַקסל און ארויסגעהאלפן א שוואַכערער. איר צו פארדאנקן, האבן די פרויען זיך דערפילט היימישער, נענטער און דער־מוטיקטער.

אויף נאַס־דורכגעווייקטע שטרויזעק ליגן צען פרויען. ענג צונויפגעקוועטשטע, צוגעטוליעטע איינע צו דער אנדערער. זיי ציטערן פון קעלט. אין דרויסן גיסט א שלאַקס־רעגן און רינט אריין דורך די שפּאַלטן פון דעם שלעכט־באדעקטן באַראַק־דאַך. צוליבן רעגן האט מען היינט געארבעט אָן מיטאג־איבעררייס. דער־פאר אבער האט מען געווארפן די ארבעט א שעה פריער. נאָך דעם מיטאג עסן—דאס ביסל ווארעמע ריבן־זופּ—האט מען זיי היינט ניט געגעבן, ווייל אין לאגער, פון וואנען מען פלעגט ברענגען דאס עסן, איז יענעם טאג פאַרגעקומען אן „אקציע": מען האט אפּגע־קליבן די געזינטערע און ארבעטספייאיקערע. די „שוואַכע" האט מען געשיקט אויף „דער־האָלונג"—אין דער „הימל־קאָמאַנדע". . .

צוליב אָט דער וויכטיקער געשעעניש האט מען די קאָמאַנדא „שטראַסענבוי" פארגעסן. די „שטראַסענבוי"-גרופּע האט געארבעט 14 קילאָמעטער פון לאַגער, געבויט א וועג צו אַן עראָפּלאַן-פעלד. אלע זיינען געווען האַלב-נאַקעט, באַרוועס און מידע פון א גאנצן טאג שווערער ארבעט. ליגן זיי הונגעריקע, ציטערנדיק פון קעלט, קייען דעם נאַסן שניק-שטרוי און זיפצן. איינע קרעכצט שטיל:

—גאָט אין הימל, זאל עס שוין אמאָל נעמען א סוף . . .

אסתר ליגט אויף דער ערד, ביידע הענט צוקאפּנס, די אויגן צעעפנט און רעדט הויך ווי פאר זיך יחזקאל'ס נבואה:

—איר טרוקענע ביינער הערט דאס וואָרט פון גאָט:
אזוי' האט געזאגט גאָט דער האַר צו די דאָזיקע ביינער:
זעט, איך ברענג אריין אין אייך אַן אטעם,
און איר וועט לעבעדיק ווערן.
אָ איך וועל געבן אויף אייך אָדערן
און איך וועל ארויפטאָן אויף אייך פלייש
און ארויפציען אויף אייך א הויט,
און אריינגעבן אין אייך אַן אָטעם,
און איר וועט לעבעדיק ווערן;
און איר וועט וויסן אז איך בין גאָט . . .

א היליקע שטילקייט האט זיך אויסגע־
שפרייט איבער'ן קעמערל. די פרויען האבן
איינגעהאלטן די אטעמס. איבער זיי האט גע־
שוועבט דער געטלעכער גייסט פון האפנונג.
עס האט זיך אויסגעדוכט, אז דאס איז ניט די
נבואה, וועגן וועלכער אסתר האט געלערנט
אין א אידישער שול, נאָר דער נביא יחזקאל
אליין רעדט צו זיי דורך איר מויל. בארואיקטע
זיינען זיי דערנאָך איינגעשלאָפן . . .

צומאָרגנס ביים „פרימאָרגן־אַפּעל“ האט
דער „קאַפּאָ“, צו וועמעס „קאָמאנדא“ די צען
פרויען האבן געהערט, געלאזט וויסן, אז די
„דאָקטוירים־קאָמיסיע“, וואס איז נעכטן געווען
אין לאַגער, וועט היינט איינס אזייגער קומען
אונטערזוכן זייער ארבעטספייאיקייט. וואס דאס
באטייט האט יעדע איינע שוין געוואוסט. קיין
געקאָכט עסן—חוץ הונדערט גראַם שוואַרץ־
ברויט און צען גראַם מאַרגאַרין — האבן זיי
היינט ווידער ניט באקומען, ווייל צום לאַגער
האט מען ניט געקענט קיינעם ארויסשיקן:
אלע מוזן זיין אנוועזנד ביי דער „סעלעקציע“...
די אויפפאסערין (פאָר־ארבעטערן) האט

געמונטערט ביי דער ארבעט, די בליץ-מיידלעך האבן מיט גומי שטעקנס אונטערגעיאגט, גע־שלאגן. ס'האט אבער ניט געהאלפן—אלע האבן געפילט אז היינט קומט דער סוף, טייל האבן שוין געארבעט אָן מוט, נאָכלעסיק, געוואוסט אז סייווי וועלן זיי ניט דורכגיין ביי דער „סע־לעקציע".

דער הונגער קלעמט ביים הארצן. מען האלט זיך קוים אויף די פיס . . .

אסתר זעט די מאָטע, פארצווייפלטע בליקן פון אירע חבר'טעס און אין איר קאָפּ בליצט אויף א געדאנק. זי בעט זיך אָפּ אויף א ווײלע ביי דער אויפזעערין און פארשווינדט.

א האלבע שעה, א שעה—אסתר איז ניטאָ. די אויפזעערין ווערט אומרואיק, זוכט זי הינ־טער די ביידלעך: אפשר איז איר שלעכט גע־ווארן?

נישטאָ—פארשוואונדן . . .

די פאר־ארבעטערן האט מורא מיטצו־טיילן דעם קאפא אדער דער וואַך. זי האט איר דערלויבט אוועק צו גיין, איר שולד. זיווארט... ס'איז שוין באלד צוועלף . . .

די פרויען זיינען אין שרעק. וואס האט
פאסירט מיט אסתרן?

עטלעכע מינוט פאר צוועלף—אסתר איז
דאָ! די באַקן פלאַמען; דער שטערן פארשוויצט,
די אויגן—צוויי לייכטנדיקע פייערן. אסתר
נעמט אן אייזן־שטאַנג און הויבט אָן ארבעטן
ווי גאָרניט וואלט פאסירט . . . פונקט צוועלף
קומט דער מיטאג־איבעררייס.

דער „קאַפּאָ" הייסט אלעמען זיך ארומ־
וואַשן און צוגרייטן צו דער אונטערזוכונג. מיט
מידע טריט שלעפּן זיך די פרויען צו א זייטיקן
טאָל, ווארפן אראפּ פון זיך די העפטלינגס־
קליידער און וואשן זיך. אסתר קוקט זיך ארום
אויף אלע זייטן, צי קיינער באמערקט זי
ניט. זי שלעפּט ארויס פון אירע אַרבל הייסע
קאַרטאָפל, פון איר בוזעם שלעפּט זי פּאָרזיכ־
טיק ארויס א ווורשט און פון אירע לאַנגע
הויזן—ברויט . . .

—וואו האסטו דאס גענומען?!

—פרעגט ניט קיין קשיות. עסט, שוועס־
טערלעך. . . מאַכט שנעלער, עס זאל דערפון
גאָרניט בלייבן . . .

ווער עם האט אמאל געליטן הונגער, דער ווייסט דעם ווערט פון צוויי וואַרימע קאַר־טאָפל, א שטיקל וואורשט און א ביסן ברויט...

דערקוויקט פון אסתר'ס געשאַנק, פריש ארומגעוואשן, האבן זיי מיט אומרו אין הארצן זיך אויסגעשטעלט נאַקעטע אויפן „אפּעל־פּלאַץ"...

די דאקטוירים און „ס. ס." מענער האבן באַטראַכט די העפטלינגע, זייער ארבעט און געזונט־צושטאַנד. פון 240 פרויען פון דער „שטראַסנבוי"־קאָמאנדא האט מען ביי דער „סעלעקציע" אפּגעקליבן 31.

די צען פרויען זיינען דאָסמאָל געראַטעוועט געווארן.

אין אוונט האט מען געבראכט הייסע קרויט־זופּ. נאָכ'ן אָפּעסן האבן אלע זיך דערפילט מונ־טערער. מען האט געוואונען נאך עטלעכע טעג צו לעבן. די פרויען האבן געמיטלעך גע־שמועסט, זיך געוויצלט און בארואיקטע פאר־זונקן געווארן אין טיפן שלאָף.

שפּעט ביינאכט האט א פייף־סיגנאל אויסגערופן אן אלארם. אלע זיינען אויפ־

געשפרונגען. מיט עטלעכע מינוט שפּעטער האָבן זיי זיך געשטעלט אויפ'ן בלאָטיקן אַפּעל־פּלאַץ. דער לאַגער־קאָמענדאַנט האָט, א שיכור'ער, מיט א הייזעריקער שטימע געלאָזט וויסן, אַז אין שפּייז־מאַגאַזין איז פאָרגעקומען א גנבה.

—דער גאַנצער לאַגער וועט דריי טעג ניט באַקומען קיין ברויט, אויב די גנבה וועט ניט געפונען ווערן . . . אויב עמיצער וועט מיטטיילן וועגן דער גנבה, וועט זי באַלוינט ווערן מיט צוויי פונט ברויט און ציגאַרעטן . . .

אַלע האָבן געשוויגן. ווידער א פייף און א באַפעל:

—פונאַנדערגיין זיך צוריק אין די באַראַקן!

איצט האָבן די ניין פרויען געוואוסט וואו אסתר האָט גענומען דאָס ברויט, די וואורשט און די קאַרטאָפל. א שרעק האָט זיי אַלעמען אַרומגענומען. בלויז איין אסתר איז געווען רואיק.

—איך האָב עס געטאָן פאַר אייך, שוועסטערלעך. . .

—מיר ווייסן עס . . . דו האסט זיך אומ־
געבראַכט . . .

—אייך צו ראַטעווען, אייך צו שטאַרקן,
איר זאָלט קענען דאס אריבערטראָגן, איבער־
לעבן. איך וויל, איר זאָלט מיר צוזאגן, אז איר
וועט זיך שטאַרקן און זיך ניט אונטערגעבן. . .

—וואס קענען מיר דיר צוזאָגן? עס ווענדט
זיך ניט אין אונדז . . .

—עס ווענדט זיך יא אין אייך! האט
גלויבן אין הארצן, דאס וועט אייך צוגעבן
מוט . . .

—מוט איז ניט קיין ברויט, אסתר. . .

—דורך מוט באקומט מען ברויט . . .

—אזוי ווי דו האסט באקומען און וועסט
דערפאר באצאלן מיטן לעבן . . .

—איין לעבן פאר ניין . . . ניין וועט איר
בלייבן . . .

—און זיך מאטערן . . .

—יא, זיך מאטערן, אבער אויך האפן און
גלויבן, אז איר וועט איבערלעבן. מאַכט מיר
ניט קיין פאַרוואורפן! אזוי, צי אנדערש—עס
איז געשען, און איצט לאָמיר זיך געזעגענען. . .

—וואוהין ווילסטו גיין, אסתר?

—איך גיי, איר ווייסט וואוהין. כ'וועל

דאך ניט לאזן הונגערן און אומקומען אומשול־
דיקע מענטשן צוליב מיר... איך גיי... טאַ־
מער פרעגט מען אייך, ווייסט איר פון גאָר־
נישט... איך האב אלץ אליין אויפגעגעסן...
איר פארשטייט?

פאר'ן געזעגענען זיך האט אסתר פאר
זיי נאך דעקלאמירט אברהם רייזענס א ליד:

אין מינוטן וויסטע ווען ארום איז שוואַרץ,
גאט מיט ליבע־קוואַלן פיל מיר אָן מיין הארץ...

אלץ איז אזוי עלנט ווייסט ניט וואס צו טאָן:
גאט, מיט ליבע־קוואלן פיל מיין הארץ מיר אָן!

און די ארעמס מיינע ברייט און שטארק מאך זיי,
אז די וועלט אומארמען זאל איך מיט איר ווײ!...

אלע זיינען געזעסן אויף די פייכטע שטרוי־
זעק און אומעטיק געשוויגן. קיינע האט זיך ניט
געטרויט איבערצורייסן די שטילקייט.

—זייט געזונט, אלע! לעבט! גלויבט!

א טירל האט זיך מיט א קרעכץ צוגע־
מאכט אין דער נאכט־פינצטערניש.

קיין איינע פון די פרויען האט יענע נאכט קיין אויג ניט צוגעמאכט. זייערע פּנים׳ער האבן אויסגעזען מידער, עלטער און צע־קנייטשטער, נאר—מאָדנע—קיין איינע האט ניט געקענט וויינען . . . אסתר האט איבער־געלאזט א געפיל פון הייטערקייט, פון מוט, פון טיפן גלויבן.

דער פונק פון גלויבן האט זיך צעפלאקערט אין א פייער פון אינערלעכער זעלבסט־זיכער־קייט. יעדע איינע האט געפילט, אז זי האט באקומען א מיטטרעגער אין אירע ליידן. עפּעס אן אומקלאָרער געפיל האט גענומען ווירבלירן אין זייערע הערצער—דער גלויבן אין גאט, א כח אויף וועלכן זיי קענען זיך פארלאזן.

ביים „פרימארגן־אפּעל“, האבן אלע דער־זען א ניי־אויפגעשטעלטע תליה. ווען זיי זיינען שוין געווען פארזאמעלט, האט מען פון וואַך־באַראַק ארויסגעפירט—מיט געבונדענע הענט אויף הינטן—אסתר׳ן . . .

זי איז געגאנגען א מידע, נאָר הויך האל־טענדיק איר קאָפּ . . . אויף דער ברוסט האט מען איר אָנגעהאנגען א שילדל מיט דער אויפ־שריפט: „דיעבין“ (גנב׳טע). דער לאגער־עלצ־טער, מיט א ציניש־טריאומפירנדיקן שמייכע־

לע, האט זיך געווענדט צו די העפטלינגע:

—אזוי ווען מיר באשטראפן די אלע וואס ווען פּרואוון ארײַנברענגן אומאָרדנונג אין לאַגער . . .

אסתּר האט געשמײכלט. זי האט געכאַפּט א באהאלטענעם בליק צו אירע חבר'טעם. זעענדיק די רואיקײט אויף זײערע פּנימער, האט זי אינסטינקטיוו דערפילט, אז זי האט זײ עפּעס איבערגעלאזט און ס'איז ווערט גע־ווען זײ צו ראַטעווען... זי האט גענומען זינגען הויך און פרײלעך איר באליבט ווילנער געטאָ־לידל:

—כאטש פארבליבן גאָלע געטאָ—
גיב איך אלץ נאך א סוויסטשע און א זינג!"

זי האט זיך ניט געלאזט פירן פון „ס. ס." מאן צו דער תּליה, אלײן איז זי צוגעגאנגען צום בענקל און אויסגעשריגן:

—לעבט! איר וועט זײ איבערלעבן! עם ישראל חי! .

אז דער תּליון, דער „ס. ס." מאן, איז מיט רציחה צו צו איר און ניט געלאזט זי רעדן, האט זי מיטן פוס מיט איר גאנצן כח א שטויס געטאן אין בויך. דער תּליון איז אומגעפאלן. די בא־

וואכונג האט גע‏עפנט אויף אסתרן א שיסעריי.
זי האט זיך אראפגעקייקלט פון תליה בענקל...

— — — — — — — — — — — — — —

די פרויען, וואס האבן שפעטער די דער־
שאָסענע אסתר דאווידאוויץ, גע־
בראכט צו קבורה, דערציילן:

—אזא זים־שמייכלענדיקן פנים האבן זיי
נאך קיינמאל ניט געזען . . .

די שכינה האט גערוט איר צוקאָפּנס . . .

Susanne Taube

# The Unforgotten